בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## בראשית תשכ"ח (חלק א)

**וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב**

• תנחומא: הבונה בית חדש כיצד מברך שֶׁהֶחֱיָינוּ, כדי לעשות נחת רוח ליוצרו • ענין ברכת שהחיינו בבונה בית חדש, שבשלחן ערוך נפסק דצריך לברך, ובמגן אברהם מביא דהעולם אין נזהרין בזה • כל המאורעות כבר ראה הקב"ה מתחילת הבריאה, להיות בעתו ובזמנו • טובה גדולה היה בשבירת הלוחות, שגרם שכחה ולחזור על לימודם, וגם לכתוב תורה שבעל פה • הקריאה בעינים בתורה שבעל פה, הוא תיקון לפגם העינים • שבירת הלוחות הביא מורא גדול בלב ישראל, ועוררם לתשובה • רמב"ן: ששת ימי המעשה הם רומזים על שִׁיתָּא אַלְפֵי שָׁנִים דהוי עלמא • אצל מי שכוונתו לשמים ותולה בטחונו בהקב"ה, כל דבר תלוי בזמן מיוחד הראוי •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ג לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה (צפניה ג, יג), וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).

צו מנדב זיין לרגל אַ **שמחה** אָדער אַ **יאָרצייט** וכדומה רופט: 1-718-388-5519

**לשון קדשו - קונטרס רנו** | (**40** מתוך 57 מינוט) **זייער קלאָר** ★★★★★

**לשון קדשו** צענטראלע נומער:
**929-522-1515**
דרוק **1** צו הערן די **רעקארדינגס**: דערנאך **256**
פאר הערות דרוק **3**

ארץ ישראל: **072-3275205**
קאנאדא: **438-797-0770**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→1→128.1**

**צו מנדב זיין דורכ'ן טעלעפאָן** (דאָנערי)**: #1700 845-366-2793**

# • מזל טוב •

הר״ר **משה נפתלי וואלדמאן** הי״ו
לרגל נישואי בנו החתן **מנחם מענדל** נ״י
עב״ג בת הר״ר **חיים הערש ווייס** הי״ו

הר״ר **ארי' אשר הכהן טורנהיים** הי״ו
לרגל אירוסי בנו החתן **יחיאל** נ״י
עב״ג בת הר״ר **שמואל ארי' שווארטץ** הי״ו

הר״ר **זיידא ישראל חיים בערקאוויטש** הי״ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב
יהי רצון שיזכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו
בעתו ובזמנו ולגדלו לתורה ולחופה ולמעש״ט

**זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די**

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ח אהוב על הבריות, תלמיד רביה״ק זי״ע
דבוק בדרכיו, ועסק להפיץ תורת אמת בעיר בני ברק
**רבי יוסף אלי' ע״ה ב״ר יצחק ז״ל**
**ביקעל**
נפטר כ״ו תשרי תשמ״ז לפ״ק

הרה״ח היקר באנשים, התנהג ביושר ובאמונה לשמור מוצא
שפתיו ודיבורו, דבק בצדיקי הדור והלך בדרכם
**רבי טובי' גדלי' ע״ה לעפקאוויטש**
**ב״ר יצחק אייזיק ז״ל**
נפטר ל' תשרי תשנ״ד לפ״ק

הרה״ח ירא ה', זהיר בקיום המצות לעשותם בדקדוק ההלכה
והמנהגים, הרבה פעלים לתורה, רחים ומוקיר רבנן, נשא ונתן
באמונה, ודבק ברבו הגה״ק מהר״ם בריסק מטאשנאד זצ״ל
**רבי יחזקאל שרגא ז״ל פריעדמאן**
**ב״ר שלמה שבתי ז״ל**
נפטר ב' חשון תשנ״ב לפ״ק

הרה״ח עוסק בצרכי ציבור באמונה, התמיד בלימוד גמרא
ומשניות, ספרי חסידות וספרי רביה״ק זי״ע, שימש ת״ח
בנאמנות, והרבה בעשיית צדקה וחסד בגופו ובממונו
**רבי צבי יודא ב״ר יוסף ז״ל וויינשטאק**
מגבאי כולל שומרי החומות - נפטר י' אלול תשפ״ב
**וזוגתו מרת ראבל סלאווא ב״ר יצחק ז״ל**
נפטרה כ״ה תשרי תשע״ח

האשה החשובה והיקרה, התנהגה בתמימות וישרות, הרבתה בתפלות ותחנונים
וספר תהלים היה שגור על לשונה. על כולם השפיעה בשמחת החיים, וכל ימיה
היה שרשרת של צדקה וחסד להטיב לאחרים, ובפרט לאלמנות ויתומים ושבורי לב
**מרת מרים ע״ה דייטש**
**בת הרה״ח ר' ישראל דוב מענדלאוויטש ז״ל שו״ב**
נפטרה כ״ה תשרי תשע״ח

**לע״נ הר״ר קלונימוס (קלמן) ב״ר מרדכי אהרן ז״ל**

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בסוף התורה ותחילתה

קושיא א

[בסוף התורה] **וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל.**

[ובהתחלת התורה] **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.**

**א)** [וראוי לבאר קישור סוף התורה לתחילתה].

ב

קושיא ב

**ב) וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל.**

[יש להבין] **וואָס איז דער מוֹרָא הַגָּדוֹל, דעס לשון הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל.**

ג

קושיא ג

**רש״י זאָגט**[א], [לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל] **זו שבירת הלוחות.** [און אַז] **דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ.**

**ג)** [ויש להבין] **וואָס כאַפּט ער אַרויס גראָד**[ב] **די שבירת הלוחות, מער פון אַלדינגס.**

[והרי כל הנסים והנפלאות עשה משה רבינו לעיני כל ישראל, ומאי משמע דהך קרא לעיני כל ישראל קאי על שבירת הלוחות דוקא. (דברי יואל)].

יח

קושיא יא

**דער מדרש זאָגט**[ג], **שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו** (משלי טו, כג), **שאמר וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר. וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב** (שם), **שנאמר וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב.**

**יא) וואָס איז דאָס עפּעס** [הכוונה כאן באומרו] **וְדָבָר ׳בְּעִתּוֹ׳, דאַרף מען פאַרשטיין.**

יט

קושיא יב

**ביים שְׁבִירַת הַלּוּחוֹת, זאָגט דער מדרש רבה**[ד], **וַיֹּאמֶר ה׳** [אֶל מֹשֶׁה] **פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים** (תשא לד, א), **זה שאמר הכתוב** (קהלת ג, א) **לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם, רעכנט ער אויס אַסאַך זאַכן, און אויף אַלעם איז דאָ אַ זמן.**

---

[א] **ברש״י סוף ברכה** (לד, יב): **וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה. שקבל את התורה בלוחות בידיו: וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל. נסים וגבורות שבמדבר הגדול והנורא: לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל. שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם, שנאמר** (עקב ט, יז) **וָאֲשַׁבְּרֵם לְעֵינֵיכֶם, והסכימה דעת הקב״ה לדעתו, שנאמר** (תשא לד, א) **אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ, יישר כחך ששברת.**

[ב] **גראָד, פירוש: דווקא.**

[ג] **בבראשית רבה** (ג, ג): **רבי שמעון בן יוחאי פתח, שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב. שִׂמְחָה לָאִישׁ זה הקדוש ברוך הוא, שנאמר ה׳ אִישׁ מִלְחָמָה ה׳ שְׁמוֹ. בְּמַעֲנֵה פִיו, וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר. וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב.**

[ד] **בשמות רבה** (תשא מו, ב): **דבר אחר פְּסָל לְךָ, הדא הוא דכתיב לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ וכו׳. עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ** (איכה ד, א). **וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם ה׳** (תהלים קמז, ב) **כִּי אַבְנֵי נֵזֶר מִתְנוֹסְסוֹת עַל אַדְמָתוֹ** (זכריה ט, טז). ○ **דבר אחר עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו** (לב, יט), **וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, פְּסָל לְךָ, הפסולת שלך, משם העשיר משה וכו׳.**

KolSatmar.com

און ער קומט אויס, ער רעכנט דאָך אויס (בקהלת פרק ג) די י״ד עִתּים, און ער רעכנט אויס, אויף אַלעמען זאָגט ער דאָרט פְּשַׁט[ה].

### כ

[און אויף] עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, זאָגט ער צוויי פְּשָׁטִים.

עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, ווען ס׳איז חָרוּב [געוואָרן] דאָס בית המקדש, מ׳האָט אַוועקגעוואָרפן די אֲבָנִים. וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, מ׳זאָל עס אויפבויען.

און עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר (לב, יט), מ׳האָט צובראָכן די לוחות. וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים.

### כא

**יב)** [ולכאורה] וואָס דערציילט ער מיר דאָ אָט, ברויך מען פאַרשטיין.

וואָס דערציילט ער מיר, אַודאי איז דאָ אַ צייט [אויף יעדע זאַך], די אַלע מעשיות זענען דאָך אֱמֶת, אַלעס איז געווען, נו אַודאי, וואָס דאַרף ער מיר דערציילן, אַודאי אין די צייט, מ׳ווייסט דאָך [אַז] דעמאָלטס איז געווען ׳אַזוי׳ און דעמאָלטס איז געווען ׳אַזוי׳, [און אַז] ס׳איז אַזוי באַשערט געווען. ס׳האָט דאָך אַלעס טַעֲמִים פאַרוואָס דעמאָלטס האָט מען אַזוי געזאָגט, און דעמאָלטס האָט מען אַזוי געזאָגט. [ומה בא להשמיענו בזה].

### כב

הקדמה לקושיא יג-יז

**ס׳שטייט אין מדרש תנחומא[ו], בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים, ילמדינו רבינו הבונה בית חדש כיצד צריך לברך, וויאַזוי דאַרף ער אַ בְּרָכָה מאַכן. כך שנו חכמים, בנה בית חדש מברך שֶׁהֶחֱיָנוּ, כדי לעשות נחת רוח ליוצרו.**

---

**ובדברים רבה** (עקב ג, יג): דבר אחר פְּסָל לְךָ, זה שאמר הכתוב עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, עֵת לַחֲבוֹק וְעֵת לִרְחֹק מֵחַבֵּק. אמר רבי תנחומא, מהו עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, עת היא שיעלה אדרינוס שחיק עצמות וינפץ אבני בית המקדש. וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, עת שיבנה אותו הקב״ה, מנין, שנאמר (ישעי׳ כח, טז-יז) לָכֵן כֹּה אָמַר ה׳ אֱלֹקִים הִנְנִי יִסַּד בְּצִיּוֹן אָבֶן אֶבֶן בֹּחַן פִּנַּת יִקְרַת מוּסָד מוּסָּד הַמַּאֲמִין לֹא יָחִישׁ וְשַׂמְתִּי מִשְׁפָּט לְקָו וּצְדָקָה לְמִשְׁקָלֶת וְיָעָה בָרָד מַחְסֵה כָזָב וְסֵתֶר מַיִם יִשְׁטֹפוּ. ○ דבר אחר עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, רבנין אמרי מְדַבֵּר במשה, עת היה שישליך משה את הלוחות, דכתיב (תשא שם) וַיְהִי כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו אֶת הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר. וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, עת היה שיחזירן לישראל, שנאמר פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים.

**ובתנחומא** עקב (סימן ט): (ט) בָּעֵת הַהִוא [אָמַר ה׳ אֵלַי פְּסָל לְךָ] וגו׳. זה שאמר הכתוב לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם, זמן היה לעולם להבראות, זמן היה לדור המבול שיאבדו במים, זמן היה לנח להכנס לתיבה וזמן היה לו לצאת ממנה, וזמן היה שיברא אברהם, וכן לכל האבות, וזמן היה שירדו אבותינו למצרים, וזמן היה שיצאו משם, וזמן היה שישתעבדו, וזמן היה שישתברו הלוחות, וזמן היה שיעשו אחרים אותו מעשה, הוי פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים. אמר שלמה עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים אלו הלוחות הראשונות, וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים עת היה לפסול לוחות אבנים אחרים, שנאמר פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים.

[ה] **בקהלת רבה** (פרשה ג), עיי״ש שמפרש כל הי״ד עתים. ובתוכם מובא גם דְּרַשׁ הנזכר בקצרה וז״ל: עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, דכתיב תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ. וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים, דכתיב הִנְנִי יִסַּד בְּצִיּוֹן אָבֶן וגו׳.

[ו] **בתנחומא** (סימן ד): **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים. ילמדנו רבינו, הבונה בית חדש כיצד צריך לברך. כך שנו רבותינו ז״ל, הבונה בית חדש מברך שהחיינו, כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו. ○ וכן אתה מוצא שלא נִתְּנוּ המועדות לישראל אלא להנאת עצמן, אמר הקב״ה, אתם ההנית עצמכם, תהיו שונין לשנה הבאה, שנאמר** (בא יג, י) **וְשָׁמַרְתָּ אֶת הַחֻקָּה הַזֹּאת לְמוֹעֲדָהּ מִיָּמִים יָמִימָה, תהיו שונין מימים ימימה. הוי אומר שכשם שהאדם מברך להקב״ה, כך ה׳ מברכו. א״ר חנינא, יש לנו ללמוד ממקום אחר, אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַה׳ בְּמוֹעֲדֵיכֶם** (פינחס כט, לט)**, אלה ׳עשיתם׳ לא**

KolSatmar.com

דערנאָך זאָגט ער ווייטער, **די מועדים** האָט מען אויך געגעבן [אַז] אידן זאָלן הנאה האָבן, [און] **הקדוש ברוך הוא** האָט געזאָגט ווער ס'איז מְבָרֵךְ **הקדוש ברוך הוא, איז הקדוש ברוך הוא מְבָרֵךְ אים** [שכך] תִּזְכֶּה לְשָׁנָה הַבָּאָה. **אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ** [לַה' בְּמוֹעֲדֵיכֶם], שטייט נישט 'עֲשִׂיתֶם', נאָר 'תַּעֲשׂוּ', לשנה הבאה.

נאָכדעם גייט ער ווייטער, **לפיכך צריך לברך על בית חדש.**

נאָכדעם גייט ער ווייטער, הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן די וועלט, קומט ער צי צום בְּרֵאשִׁית, ס'שטייט **וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי**, ער האָט געמאַכט אַ בְּרָכָה.

דערנאָך זאָגט ער ווייטער, דֶּרֶךְ הָעוֹלָם איז, אַז מ'בויעט אויף אַ זאַך בויעט מען קודם דאָס אונטערשטע, און נאָכדעם גייט מען העכער, ביז מ'קומט צו צום אויבערשטן. און הקדוש ברוך הוא האָט געטון פאַרקערט, ער האָט געבויעט **הַשָּׁמַיִם** קודם, ער האָט געבויעט פון אויבן, מן השמים, און דערנאָך האָט מען געמאַכט **הָאָרֶץ** אונטן.

אַזוי זאָגט דאָ דער **מדרש תנחומא** אויפן סדר.

**כג**

**קושיא יג**

דאָס גאַנצע איז דאָך אַ פֶּלֶא.

יג) קודם וואו קומט די שאלה אַהער, **הבונה בית חדש**, מיטן **שֶׁהֶחֱיָינוּ**, וואו קומט דאָס אַהער צו **בְּרֵאשִׁית בָּרָא.**

**כד**

**קושיא יד**

יד) און דערנאָך [איז שווער] דאָס לשון **"כיצד" צריך לברך**, וואָס הייסט 'וויאַזוי'. [והלא] די שאלה איז צי מ'זאָל אַ בְּרָכָה מאַכן, צי יאָ צי נישט, אָבער [נישט] 'וויאַזוי'.

**כה**

**קושיא טו**

טו) דערנאָך [איז שווער] דער אויספיר [בהתירוץ], **כדי לעשות נחת ליוצרו.**

[והלא] **אַלדינגס** ברויך מען דאָך טון [כדי] **מ'זאָל טון אַ נַחַת רוּחַ פאַרן באַשעפער**, שֶׁאָמַר וְנַעֲשָׂה רְצוֹנוֹ[ז]. אַ יעדע מִצְוָה, און יעדע בְּרָכָה, און יעדן דִיבּוּר, דעס גאַנצע וואָס אַ איד ברויך צו טון, איז **אַלעס נאָר אַז מ'זאָל טון אַ נַחַת רוּחַ פאַרן באַשעפער.**

אַזוי ווי מ'זאָגט דאָ[ח] אין דעם [שיר של בעל] **חרדים**, **רְצוֹן עַבְדְּךָ לַעֲשׂוֹת לְךָ נַחַת רוּחַ**, - וְזֶה מַאֲוַיֵּי כָּל הַיּוֹם, - אַזוי ווי ער רעכנט אויס דאָרט[ט].

---

נאמר, אלא 'תעשו', תעשו כן לשנה הבאה. ○ **לפיכך הבונה בית חדש והקונה כלי חדשים, צריך לברך. שכשברא הקב"ה עולמו מה כתיב שם, וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי** (ב, ג), וכן כשברא את החיות ואת העופות וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹקִים (א, כב) וכן באדם (ה, ב) וַיְבָרֶךְ אֹתָם וַיִּקְרָא אֶת שְׁמָם אָדָם וכו'. ○ **א"ר יצחק, בשר ודם בונה פלטין, בונה התחתון ואחר כך בונה העליון, והקב"ה בתחלה ברא עליונים ואחר כך ברא התחתונים, שנאמר בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם, ואחר כך וְאֵת הָאָרֶץ.**

[ז] מלשון **ספרי** (פינחס פסקא יב) **ורש"י** (תצוה כט, כה) בביאור הפסוק לריח ניחוח.

[ח] ביום **שמחת תורה** (בשיר דביקות שמנגנין בין ההקפות, לאחר הקפה ה). ויש לציין כי בשנת תשכ"ח חל שמחת תורה ביום ו', ודרוש זה שבסעודה ג' היה גם הדברי תורה לנעילת החג.

[ט] בשיר דביקות **שבספר חרדים** (סוף פרק ז): רְצוֹן עַבְדְּךָ לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ. לְךָ יוֹצֵר הַכֹּל, וְלַעֲרֹךְ שִׂיחַ. מִי יִתֵּן וַתִּשְׂמַח בְּפוֹעַל כַּפֶּיךָ, אֲדוֹן הַכֹּל.

KolSatmar.com

כו

קושיא טז

טז) דערנאָך וויאַזוי קומט [אַהער] דער גאַנצער המשך, [אַז] ער ווערט דיך בענטשן, וואו קומט אַהער, [מה שממשיך] מיט די ברכה ווען מ'האָט באַשאַפן די וועלט, די ברכת יום השביעי.

איז דען דאָס אַ בִּרְכַּת שֶׁהֶחֱיָנוּ, [אַ] נוסח הברכה?

[והלא הוא רק] אַ ברכה [וואָס] מ'האָט דאָך געבענטשט דעם שַׁבָּת, דאָס איז דאָך אַן עקסטערע זאַך.

כז

קושיא יז

יז) און דערנאָך וואו קומט דאָס אַהער - דעס איז דאָך נאָך מער שווער - דעס וואָס ער זאָגט [אַז] מ'האָט קודם געבויעט שָׁמַיִם [ואחר כך את הארץ].

וואָס אַ נפקא מינה צי קודם שָׁמַיִם צי נאָכדעם, דאָ צו דער הלכה, צו דער שאלה וואָס ער האָט דאָ אָנגעהויבן אַז בנה בית חדש צי מ'זאָל מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ.

וואו קומט דאָס אַהער צי מ'האָט געבויעט קודם שָׁמַיִם, צי קודם אָרֶץ. צי מ'האָט באַשאַפן, וויאַזוי די בְּרִיאָה איז געווען, צי קודם אָרֶץ.

כח

[ובאמת] ס'איז דאָך אַ פְּלוּגְתָּא אין דעם[י], וועלעכס איז באַשאַפן פריער.

נאָר דער מדרש [תנחומא] גייט דאָ מיט דער שיטה, אַז קודם איז געווען בריאת שמים.

כט

דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב ברענגט דעם מדרש תנחומא, אָבער נאָר דאָס ערשטע [חלק], די שאלה פון כְּדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ, ער ברענגט נישט דעם גאַנצן המשך, [ורק לבאר] דאָס אַליין וואו דאָס קומט צו בְּרֵאשִׁית.

און ער זאָגט דאָרטן לְפִי דַּרְכּוֹ[יא], אַז מ'זאָל בויען [אַ הויז] פּאַרן באַשעפער'ס וועגן, כדי מ'זאָל מקיים זיין מִצְוֹת [התלויים בהבית. און אַז] די ברכה גייט נישט אויף דעם וואָס

---

[י] בגמרא חגיגה (יב.): תנו רבנן, בית שמאי אומרים שָׁמַיִם נבראו תחלה, ואחר כך נבראת הָאָרֶץ, שנאמר בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים ׳אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ׳. ובית הלל אומרים אֶרֶץ נבראת תחלה, ואחר כך שָׁמַיִם, שנאמר (ב, ד) בְּיוֹם עֲשׂוֹת ה׳ אֱלֹקִים אֶרֶץ וְשָׁמָיִם. אמרו להם בית הלל לבית שמאי, לדבריכם אדם בונה עלייה ואחר כך בונה בית, שנאמר (עמוס ט, ו) הַבּוֹנֶה בַשָּׁמַיִם מַעֲלוֹתָיו וַאֲגֻדָּתוֹ עַל אֶרֶץ יְסָדָהּ. אמרו להם בית שמאי לבית הלל, לדבריכם אדם עושה שְׁרַפְרַף ואחר כך עושה כסא, שנאמר (ישעי׳ סו, א) כֹּה אָמַר ה׳ הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי. וחכמים אומרים זה וזה כאחת נבראו, שנאמר (ישעי׳ מח, יג) אַף יָדִי יָסְדָה אֶרֶץ וִימִינִי טִפְּחָה שָׁמָיִם קֹרֵא אֲנִי אֲלֵיהֶם יַעַמְדוּ יַחְדָּו. ואידך מאי יַחְדָּו, דלא משתלפי מהדדי. קשו קראי אהדדי, אמר ריש לקיש, כשנבראו, ברא שמים ואחר כך ברא הארץ, וכשנטה, נטה הארץ ואחר כך נטה שמים.

[יא] בייטב לב (ריש פרשתן): בראשית ברא וגו׳. ילמדנו רבינו, הבונה בית חדש כיצד צריך לברך. כך שנו רבותינו, הבונה בית חדש מברך שהחיינו כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו (תנחומא). ○ להבין הסמיכות לכאן. גם מה שאמר ׳כיצד׳ צריך לברך, ולא אמר ׳מה׳ צריך לברך, וכלשון דאיתא במדרש פרשת נח (תנחומא סימן ו) בפסוק וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת וגו׳ (נח ח, א). גם מה שסיים ואמר כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו. גם להבין דברי רש״י בראשית ברא אלקים, בתחלה עלה במחשבה לברא במדת הדין, ראה וכו׳ ושיתף מדת הרחמים, וכי שייך המלכה אצל השי״ת. ○ ויובן למאי דאיתא בש״ס (ראש השנה יז:), כתיב (תשא לד, ו) וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת, בתחלה וֶאֱמֶת, ולבסוף וְרַב חֶסֶד. והוא משולל הבנה. ובספר סדורו של שבת חלק ב׳ דרוש ד׳ (פ״א מאמר ו) מפרש, על פי מה דכתיב (איוב מא, ג) מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם, אמרו ז״ל (ויקרא רבה כז, ב) אמר הקב״ה מי עשה מזוזה עד שלא נתתי לו בית, ציצית עד שלא נתתי לו בגד וטלית וכו׳. ענינו, כי בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ (משלי ג, ו), ובכל הענינים אפילו במילי דעלמא צריך לקבוע

KolSatmar.com

מ׳האָט געבויעט פריער, וועגן דער הנאה פונעם בית, נאָר ווייל מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם, ווייל מ׳האָט געבויעט אויף דעם [אַרויף אַז] מ׳זאָל זוכה זיין מ׳זאָל דאָרט קאָנען טון מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אַזוי פירט ער עפּעס אויס, אַז דאָס איז דער המשך.

ל

[אָבער] ס׳איז אַלץ נאָך שווער דער מדרש.

ער פאַרענטפערט נישט דאָס גאַנצע, וואו דאָס קומט אַהער [המשך דברי המדרש], און די אַלע קשיות [שהזכרתי בקושיא טז-יז].

לא

# ישוב הקושיות

לד

הקדמה לישוב קושיא יא

[ונקדים לבאר דברי המדרש] וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, דער בורא כל עולמים האָט נהנה געווען פונעם אור, שִׂמְחָה לָאִישׁ זה הקדוש ברוך הוא, [שנאמר] ה׳ אִישׁ מִלְחָמָה.

לה

לכאורה דעם אוֹר האָט מען דאָך באַהאַלטן, [ואם כן] וואָס איז די שמחה, לְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה (קהלת ב, ב). מ׳האָט געזען ס׳איז נישט כְּדַאי פאַר רשעים און מ׳האָט אים באַהאַלטן [לצדיקים לעתיד לבא][יב].

א] נו פאַרוואָס האָט מען אים געדאַרפט אַרויסציווייזן [תחילה] אַז מ׳זאָל אים דאַרפן באַהאַלטן [דערנאָכדעם].

---

במחשבתו בראשיתו כדי לקיים בו מצות בוראו, על דרך זה, כשבונה בית תהא עיקר כונתו כדי לקיים מצות מזוזה ומעקה, קודם שנתן לו הקב״ה בית, וציצית קודם הטלית. ועל זה נאמר מי הקדימני, ואשלם על פי הדין. ועל זה אמרו בתחלה ואמת, מגיע לו שכרו על פי הדין, ולבסוף, שאינו מקיים המצוה כי אם אחר שמקדים הקב״ה לתת לו בית וטלית, אז ורב חסד, אינו מגיע לו שכרו כי אם בחסד ורחמים, עיין שם באורך אמרי נועם. ○ וזהו שאמר הכתוב בראשית, כלומר בשביל ראשית, בשביל מי שמקדים לקיים המצוה במחשבה, בראשית המעשה, ברא אלקים, כי הוא יכול להתקיים על פי הדין. וזה שכתב רש״י בתחלה עלה במחשבה לברא במדת הדין כו׳. והטעם, אמר הכתוב את השמים ואת הארץ, כלומר מפני שהקדים האדם דבר השמימי לדבר הארצי. אך ראה [שאין העולם מתקיים] כו׳, כי בני עליה המה מועטים להקדים המצוה טרם עשותו המעשה, ומלאכתו קבוע, ומצות התלוים בו כטפל ועראי, לכן שיתף מדת הרחמים כו׳, והיינו דכתיב (ב, ד) ביום עשות ה׳ אלקים בשביל ארץ ושמים (מלשון רש״י), כלומר שמקדים האיש דבר הארצי לדבר השמימי, ומחשבה והמעשה קיימים על פי מחשבתו של איש, כנזכר לעיל. ○ וזהו שאמר התנחומא הבונה בית חדש כיצד צריך לברך, רצה לומר, פשיטא שצריך לברך ולהודות לה׳ על תגמולוהי, כי אם השאלה היא ׳כיצד׳ יברך ויודה, אם על אשר עזרו הקב״ה לבנות בית להנאתו, או כי אם בשביל שיזכה לקיום המצות התלויות בו, מזוזה ומעקה, הכנסת אורחים, וכדומה. כך שנו רבותינו כו׳ מברך שהחיינו על זה שזוכה כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו בבנותו הבית, בקיום מצות התלוים בו, זה תהא עיקר שמחתו, ועל זה יודה וישבח לבוראו יתברך, שעזרו לבנות בית לעשות נחת רוח ליוצרו בקיום מצותיו בו, ומלאכת הבית עראי ומצותיו קבע, ועיקר כדי לעשות נחת רוח לפני מי שאמר והיה העולם, והבן.

[יב] וכמבואר ברש״י כאן (א, ד): וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב וַיַּבְדֵּל וכו׳. ראהו שאינו כדאי להשתמש בו רשעים, והבדילו לצדיקים לעתיד לבא.

ובגמרא חגיגה (יב.): אמר רבי אלעזר, אור שברא הקב״ה ביום ראשון אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו, כיון שנסתכל הקב״ה בדור המבול ובדור הפלגה וראה שמעשיהם מקולקלים, עמד וגנזו מהן, שנאמר (איוב לח, טו) וְיִמָּנַע מֵרְשָׁעִים אוֹרָם. ולמי גנזו, לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב, ואין טוב אלא צדיק שנאמר (ישעי׳ ג, י) אִמְרוּ צַדִּיק כִּי טוֹב. כיון שראה אור שגנזו לצדיקים, שמח, שנאמר (משלי יג, ט) אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח.

KolSatmar.com

ב] [און] וואָס איז די שִׂמְחָה, ס'איז דאָך הערשט דעמאָלטס [מַה טּוֹב, לעתיד] ווען ס'וועט אַרויסקומען.

**לו**

דער אֱמֶת'ן לויט **רש"י**[יג] נאָך, האָט דאָך אדם הראשון, די ערשטע זיבן טאָג האָט דאָך מְשַׁמֵּשׁ געווען אַלץ נאָך דער אוֹר הַגָּנוּז, לויט רש"י'ן.

און דער **רמב"ן** קריגט[יד], ער וויל זאָגן אַז ניין, מ'האָט אים תיכף באַהאַלטן.

אָבער אין די **מדרשי חכמינו ז"ל**[טו] זעט אויך אויס אַזוי ווי רש"י, אַז דאָס איז געווען די שִׁבְעַת יְמֵי בְּרֵאשִׁית.

**לז**

על כל פנים דאָס איז 'געווען', און דערנאָך איז ער נגנז געוואָרן. [ואם כן] וואָס איז די שִׂמְחָה.

**לח**

דער **מדרש**[טז] רעכנט דאָך אויס [ווי אין] די גאַנצע פרשה שטייט דאָך אַלעס, דער חורבן [והגאולה]. דער מדרש רעכנט אויס, בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים, בית בָּנוּי. **וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ** דאָרטן, **חָרֵב**. וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר, בָּנוּי ומשוכלל לעתיד לבוא.

---

[יג] כפירוש רש"י (א, יד): לְהַבְדִּיל בֵּין הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה. משנגנז האור הראשון אבל בשבעת [נ"א: בששת] ימי בראשית שמשו האור והחשך הראשונים יחד, בין ביום ובין בלילה.

[יד] **ברמב"ן** (שם): לְהַבְדִּיל בֵּין הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה. כתב רש"י, משנגנז האור הראשון, אבל בששת ימי בראשית שמשו האור והחשך זה ביום וזה בלילה. ואיני רואה שיהיה זה דעת רבותינו המזכירים "גניזה" על האור הראשון, אבל לדעתם האור הראשון שמש שלשה ימים, וברביעי נאצל ממנו ונעשו בו אז ממנו שני המאורות האלה, כמו שאמרו (בראשית רבה יז, ה) נובלת אורה של מעלה גלגל חמה, כי לפי שלא היה העולם הזה ראוי להשתמש באור ההוא בלי אמצעות, גנזו לצדיקים לעולם הבא, ושמשו בנובלת הזו מיום רביעי ואילך. כך אמרו **בבראשית רבה** (ג, ו) תני אורה שנבראת בששת ימי בראשית, להאיר ביום אינה יכולה, מפני שהיא מכהה גלגל חמה, בלילה אינה יכולה שלא נבראת להאיר אלא ביום, והיכן היא, נגנזה, והיכן היא, מתוקנת לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר (ישעי' ל, כו) וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה יִהְיֶה שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, שבעה אתמהה, לא שלשה הן, כאינש דאמר "כן אנא מפקיד לשבעה יומי דמשתותי" כלומר, לשון בני אדם הוא שיאמר "אני מפקיד ושומר זה הבשר לשבעת ימי המשתה שלי", לא שיספיק לו לשבעה כולם, אלא שיוציא אותו בתוכם וכך אמרו "שבעת הימים", כאור שהיה בימים ההם במקצתם. ושם אמרו עוד (בראשית רבה ג, ו) ויבדל, רבי יהודה ברבי סימון אמר הבדילו לו, ורבנן אמרין הבדילו לצדיקים לעתיד לבא.

[טו] **בבראשית רבה** (יא, ב): א"ר יהודה בר רבי סימון, אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה ומביט בו מסוף העולם ועד סופו, כיון שהסתכל הקב"ה באנשי דור המבול ובאנשי דור הפלגה שמעשיהן מקולקלין עמד וגנזה והתקינה לצדיקים לעתיד לבא, ומניין שגנזה וכו'. ומניין שהתקינה לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (משלי ד) וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. ר' לוי בשם רבי זעירא אמר ל"ו שעות שימשה אותה האורה, שנים עשר של ערב שבת, ושנים עשר של לילי שבת, ושנים עשר של שבת. כיון ששקעה החמה במוצאי שבת התחיל החושך ממשמש ובא, ונתיירא אדם הראשון וכו'. מה עשה הקב"ה, זימן לו שני רעפים והקישן זה לזה ויצא מהן אור ובירך עליה וכו', מה בירך עליה, בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ וכו'.

[טז] **בבראשית רבה** (ב, ה): אמר רב חייא רבה, מתחלת ברייתו של עולם צפה הקב"ה **בית המקדש בנוי וחרב ובנוי**, בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים הרי בנוי, היאך מה דאת אמר (ישעיה נא, טז) לִנְטֹעַ שָׁמַיִם וְלִיסֹד אָרֶץ וגו', וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ **הרי חרב**, היך מה דאת אמר (ירמיה ד, כג) רָאִיתִי אֶת הָאָרֶץ וְהִנֵּה תֹהוּ וָבֹהוּ. וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר הרי בנוי ומשוכלל לעתיד לבא, היאך מה דאת אמר (ישעיה ס, א) קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ, וכתיב (שם, ב) כִּי הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה אֶרֶץ וגו'.

ועוד שם (ב, ד): ר"ש בן לקיש פתר קריא בגליות, וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ זה גלות בבל, שנאמר (ירמי' ד, כג) רָאִיתִי אֶת הָאָרֶץ וְהִנֵּה תֹהוּ. וָבֹהוּ זה גלות מדי, וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת הָמָן (אסתר ו, יד). וְחֹשֶׁךְ זה גלות יון, שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזירותיהן, שהיתה אומרת להם כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. עַל פְּנֵי תְהוֹם זה גלות ממלכת הרשעה, שאין להם חקר כמו התהום, מה התהום הזה אין לו חקר אף הרשעים כן. וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת, זה רוחו של מלך המשיח, היאך מה דאת אמר (ישעי' יא, ב) וְנָחָה עָלָיו רוּחַ

KolSatmar.com

וְרוּחַ אֱלֹקִים, זה מלך המשיח.

אין מדרש שטייט, ער לייגט דאָך אַריין אין דעם פסוק אַריין דאָס גאַנצע, דאָס בנין מיטן חורבן, ביז ביאת המשיח, שטעלט ער אַריין אין דעם איינעם פסוק פון בְּרֵאשִׁית [והפסוק וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וגו'], אין די מדרשי חכמינו ז״ל.

**לט**

דער **רמב״ן** ווייטער, שפּעטער דאָרט ביי שַׁבָּת[ז], אין אַן אַנדער שטיקל, זאָגט דער רמב״ן אַז אין די **שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה** – [והרי] **יומו של הקדוש ברוך הוא אֶלֶף שנים** – איז מרומז אַלדינגס וואָס ס'וועט זיך טון אין די **שִׁיתָּא אַלְפֵי שְׁנֵי**.

רעכנט ער אויס, **יוֹם רִאשׁוֹן** [בו נרמז ונכלל] וואָס ס'וועט זיך טון אין **אֶלֶף הָרִאשׁוֹן**, אין ערשטן אֶלֶף. ער רעכנט אויס [ווי] די אַלע ענינים וואָס זענען געשען וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן [ביום הראשון], איז אַ רֶמֶז אויף די אַלע מאורעות וואָס זיי וועלן זיך טרעפן אין ערשטן אֶלֶף.

[און] אַזוי אין צווייטן, און **דריטן**.

[און] ביים פערטן רעכנט ער אויס ווען מ'האָט געבויעט דאָס בית המקדש, און ווען ס'איז חרוב געוואָרן, אַלעס ליגט אין דעם.

און דעם **אֶלֶף הַשִּׁשִּׁי** וואָס וועט זיך טון [מרומז ביום הששי].

און דער **אֶלֶף הַשְּׁבִיעִי** דאָס איז שַׁבָּת, שַׁבָּת איז קעגן **אֶלֶף הַשְּׁבִיעִי**.

אַזוי זאָגט דער **רמב״ן**.

אין די זיבן טאָג וואָס שטייט אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, די שִׁבְעַת יְמֵי הַבְּרִיאָה, דאָרטן ליגט שוין די אַלע ענינים.

---

ה'. באיזו זכות ממשמשת ובאה, המרחפת עַל פְּנֵי הַמָּיִם, בזכות התשובה שנמשלה כמים וכו'.

[ז] **ברמב״ן** (ב, ג): אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת וכו'. ודע כי נכלל עוד במלת ״לַעֲשׂוֹת״, **כי ששת ימי בראשית הם כל ימות עולם**, כי קיומו יהיה **ששת אלפים שנה** (סנהדרין צז: ועבודה זרה ט.), שלכך אמרו (בראשית רבה יט, ח) **יומו של הקב״ה אלף שנים**. והנה **בשני הימים הראשונים** היה העולם כולו מַיִם ולא נשלם בהם דבר, והם רמז לשני אלפים הראשונים שלא היה בהם קורא בשם ה', וכך אמרו (בגמרא שם) **שני אלפים תהו**. ○ אבל היתה הבריאה **ביום הראשון** האור, כנגד **האלף** של ימות אָדָם, שהיה אורו של עולם, מכיר את בוראו. **ביום השני** יְהִי רָקִיעַ וִיהִי מַבְדִּיל, שבו היו מובדלין נח ובניו הצדיקים מן הרשעים שנדונו במים. ○ **ביום השלישי** נראית היבשה והצמיחה ועשתה פירות, הוא **האלף השלישי** המתחיל בהיות אברהם בן מ״ח שנה (בראשית רבה סד, ד), ואז הוּחַל לִקְרֹא בְּשֵׁם ה' (ד, כו), וְצָמַח צֶמַח צדיק, כי מָשַׁךְ רבים לדעת את ה' וכו', וצוה את ביתו ואת בניו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט, ועלה הענין עד שקבלו זרעו את התורה בסיני, ונבנה הבית ביום ההוא, ואז נתקיימו כל המצות שהם פירות העולם. ודע, כי מעט היות בין השמשות יחשב כיום מחר, ועל כן יתחיל ענין כל יום קודם לו מעט, כאשר נולד אברהם באלף השני, וכן תראה בכל יום ויום. ○ **והיום הרביעי** נבראו בו המאורות, הגדול והקטן, והכוכבים, יומו ירמוז **באלף הד'**, הוא החל כאשר נבנה בית ראשון, ע״ב שנה אחרי בניינו, עד אחרי הבית השני קע״ב שנה, והנה ביום הזה לכל בני ישראל היה אור, כי מלא כבוד ה' את בית ה' וכו', ואחרי כן הקטין אורם וגלו, כאשר יעדר במולד הלבנה, וזרחה להם כל ימי בית שני וכו', ושקעו שני המאורים בערב היום וחרב הבית. ○ **ביום החמישי** שָׁרְצוּ הַמַּיִם נֶפֶשׁ חַיָּה, וְעוֹף יְעוֹפֵף עַל הָאָרֶץ, רמז **לאלף החמישי** המתחיל קע״ב שנה אחר חורבן הבית, כי בו ימשלו האומות, ויעשה אדם כדגי הים וכו', ואין דורש את ה'. ○ **ביום הששי** בבוקר תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ בְּהֵמָה וָרֶמֶשׂ וְחַיְתוֹ אֶרֶץ לְמִינָהּ וכו', ואז נברא האדם בְּצֶלֶם אֱלֹקִים, והוא זמן ממשלתו וכו', **והוא האלף הששי**, כי בתחלתו ימשלו בו החיות הם המלכיות אשר לא ידעו את ה', ואחרי עשיריתו כשעור הנץ החמה ליום (עיין פסחים צד) יבא הגואל, שנאמר בו (תהלים פט, לז) וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי, זהו בן דוד הנעשה בְּצֶלֶם אֱלֹקִים וכו'. ונראה משינוי הימים משרץ המים והעוף לחית הארץ, כי בתחלת האלף הששי תתחדש מלכות אומה שלטת ואימתני ותקיפא יתירא, ומתקרבת אל האמת יותר מן הראשונות. ○ **היום השביעי שבת**, רמז לעולם הבא שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים. והקל ישמרנו בכל הימים, וישים חלקינו עם עבדיו התמימים. [וכן האריך בזה הרמב״ן בדרוש **תורת ה' תמימה**, עיי״ש].

KolSatmar.com

### מ

דער אֱמֶת איז דאָך אַסאַך זאַכן זענען נאָך תלוי געווען אין די בְּחִירָה.

נאָר דאָס איז דאָך אַן אַלטער [שמועס], דאָס איז [דער ענין אַז] די יְדִיעָה מיט די בְּחִירָה איז דאָך נישט קיין סתירה, ווי דער **רמב״ם** זאָגט[יח], [שעל זה נאמר] (ישעי׳ נה, ח) לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וְלֹא דַרְכֵיכֶם דְּרָכָי.

### מא

אָבער דער אֱמֶת האָט מען אַלעס געוואוסט פון פאָראויס, אַלדינגס וואָס ס׳וועט זיך טון, ס׳איז געווען וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב.

### מב
#### ישוב קושיא יא

דאָס קאָן זיין איז דער מְכֻוָּן אין מדרש.

שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו, וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר. איז דאָך די קשיא לְשִׂמְחָה מַה זֹּה עוֹשָׂה [והלא נגנז האור. ולזה מסיים], אָבער וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, ווען די צייט וועט זיין וועט עס זיין זייער גוט, אַלדינגס אין זיין צייט.

אפילו ביאת המשיח האָט אַ זמן, ס׳קען נישט זיין נאָר אין דעם זמן. [ווי] איך האָב שוין געזאָגט אַסאַך מאָל [בשם הנזר הקודש פ׳ ויחי (ב״ר צח, ג)], איי [ס׳שטייט] (סנהדרין צח.) אַז דער בורא כל עולמים [קען מאַכן] אֲחִישֶׁנָּה, [הכוונה כי אם זכו] נעמט מען עס [און מ׳ריקט עס אויף פריער], דער בורא כל עולמים איז מַחֲלִיף דעם זְמַן, און שטעלט אַראָפּ דעם זמן [הגאולה, בעת מוקדם].

אָבער אַלעס איז מִתְּחִלַּת הַבְּרִיאָה ביז צום סוֹף אויסגערעכנט אַלעס, יעדער כֹּחַ מיט יעדע מינוט, יעדע רגע, ׳וואָס׳ ס׳האָט צו געשען, וועלעכס ס׳איז די צייט [לכל דבר].

נאָר דער בורא כל עולמים, לויט די מַעֲשֵׂי בְּנֵי אָדָם, פירט ער [אַרום] די זְמַנִּים.

[אָבער] אַלעס האָט אַ ׳זְמַן׳, ווען ס׳ברויך צו זיין.

### מג
#### הקדמה לישוב קושיא א, וקושיא יב

## ביאור המשנה: בעשרה מאמרות נברא העולם

דער אֱמֶת, איך פלעג צו זאָגן [לבאר] וואָס די **משנה** זאָגט (אבות ה, א) **בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת נִבְרָא הָעוֹלָם, וַהֲלֹא בְּמַאֲמָר אֶחָד יָכוֹל לְהִבָּרְאוֹת, אֶלָּא לְהִפָּרַע מִן הָרְשָׁעִים וְלִתֵּן שָׂכָר טוֹב לַצַּדִּיקִים.**

אַזוי זאָגט די משנה.

---

[יח] **ברמב״ם** (תשובה ה, ה): שמא תאמר והלא הקב״ה יודע כל מה שיהיה, וקודם שיהיה ידע שזה יהיה צדיק או רשע וכו׳. דע שתשובת שאלה זו ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים, וכמה עיקרים גדולים והררים רמים תלויים בה, אבל צריך אתה לידע ולהבין בדבר זה שאני אומר וכו׳, **ואין דעתו של אדם יכולה להשיג דבר זה על בוריו**, וכשם שאין כח באדם להשיג ולמצוא אמתת הבורא, שנאמר (שמות לג, כ) כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי, אין כח באדם להשיג ולמצוא דעתו של בורא, הוא שהנביא אמר (ישעי׳ נה, ח) **כִּי לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וְלֹא דַרְכֵיכֶם דְּרָכָי**. וכיון שכן הוא, אין בנו כח לידע היאך ידע הקב״ה כל הברואים והמעשים אבל נדע בלא ספק שמעשה האדם ביד האדם, ואין הקב״ה מושכו ולא גוזר עליו לעשות כך וכו׳. ומפני זה נאמר בנבואה שדנין את האדם על מעשיו כפי מעשיו, אם טוב ואם רע. וזה הוא העיקר שכל דברי הנבואה תלויין בו. [ועיין עוד במפרשי הרמב״ם שם]. – ועיין מזה גם **בפירוש המשניות** להרמב״ם (אבות ג, טו) **ובחובת הלבבות** (עבודת האלקים, ח).

KolSatmar.com

### מד

**מילא דאָס זאָגן זיי פְּשַׁט**[יט] [בשאלת המשנה והלא] **במאמר אחד יכול להבראות.**

[דהנה לעולם] **ס'איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן** [כח כל הבריאה] **אין איין מַאֲמַר, דער ׳כֹּחַ׳ איז באַשאַפן געוואָרן** [במאמר ראשון].

**דער רמב״ן אַליין**[כ] **גייט דאָך אויך דעם דֶּרֶךְ**[כא]**, ער זאָגט דאָך אַז דער כח היולי** [של כל הבריאה כולה, כבר נברא ביום ראשון].

**רש״י זאָגט דאָך אַזוי**[כב]**, ׳אֶת׳ הַשָּׁמַיִם ׳וְאֶת׳ הָאָרֶץ, לרבות תולדותיהם. אַלע תולדות השמים און די תולדות** [הארץ], **- דאָס איז דער ״אֶת״ הָאָרֶץ, - אַלע תולדות הארץ אַלעס איז** [שוין] **באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג,** [און אין] **דעם אַנדערן טאָג האָט מען עס נאָר מסדר געווען** [כל דבר ביומו].

[וכן כתב רש״י[כג] בענין הרקיע שנרקע ביום שני, דאף דהשמים כבר נבראו ביום ראשון, נאמר בשני וַיַּעַשׂ אֱלֹקִים אֶת הָרָקִיעַ, והכוונה כי] **דער וַיַּעַשׂ איז לשון צִיּוּר, לשון תִּקּוּן,** [ולא לשון עשייה חדשה].

---

[יט] עיין בזה **במהרש״א** (ראש השנה לב. ד״ה נמי מאמר), **ובמדרש שמואל על אבות** (פרק ה, סוף משנה א) **בשם הר״ם אלמושנינו, ובספר העקרים** (ב, ד). **וע״ע בנחלת אבות להאברבנאל** (אבות שם), **ובמעשי השם** (מעשי בראשית, פרק ב).

[כ] **ברמב״ן** (בראשית א, א): **ועתה שמע פירוש המקרא** [דבראשית ברא וגו'] **על פשוטו נכון וברור. הקב״ה ברא כל הנבראים מאפיסה מוחלטת וכו׳, ואין כל הנעשה תחת השמש או למעלה, הווה מן האין התחלה ראשונה, אבל הוציא מן האפס הגמור המוחלט יסוד דק מאד, אין בו ממש, אבל הוא כח ממציא, מוכן לקבל הצורה, ולצאת מן הכח אל הפועל, והוא החומר הראשון, נקרא ליוונים ׳היולי׳, ואחר ההיולי לא ברא דבר, אבל יצר ועשה, כי ממנו המציא הכל והלביש הצורות ותקן אותן. ○ והחומר הזה, שקראו היולי, נקרא בלשון הקדש תֹּהוּ, והמלה נגזרה מלשונם** (קדושין מ:) **בתוהא על הראשונות, מפני שאם בא אדם לגזור בו שם, תוהא ונמלך לקוראו בשם אחר, כי לא לבש צורה שיתפס בה השם כלל. והצורה הנלבשת לחומר הזה נקראת בלשון הקדש בֹּהוּ, והמלה מורכבת, כלומר בו הוא, כמלת לא תוכל ׳עשהו׳** (יתרו יח, יח) **שמחוסר הו״ו והאל״ף, עשו הוא וכו׳. ○ אם כן יהיה פשט הכתובים על נכון, משמעותו, בתחלה בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם, כי הוציא חומר שלהם מאין, וְאֵת הָאָרֶץ, שהוציא החומר שלה מאין, והארץ תכלול ארבע היסודות כולם, כמו וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם** (ב, א), **שתכלול כל הכדור התחתון, וכן הַלְלוּ אֶת ה׳ מִן הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל תְּהֹמוֹת** (תהלים קמח, ז), **וזולתם רבים. והנה בבריאה הזאת, שהיא כנקודה קטנה דקה ואין בה ממש, נבראו כל הנבראים בשמים ובארץ וכו׳. ○ ואחר שאמר כי בתחלה במאמר אחד ברא אלקים השמים והארץ וכל צבאם, חזר ופירש כי הָאָרֶץ אחר הבריאה הזו הָיְתָה ״תֹהוּ״, כלומר חומר אין בו ממש, והיתה ״בֹהוּ״, כי הלביש אותה צורה. ופירש שבצורה הזו צורת ד׳ יסודות, שהם האש והמים והעפר והאויר, ומלת הָאָרֶץ תכלול ארבעת אלה, והאש נקראת חֹשֶׁךְ, מפני שהאש היסודית חשוכה, ואלו היתה אדומה היתה מאדימה לנו הלילה, והמים שנגבל בהם העפר יקרא תְּהוֹם, ולכן יקראו מי הים תְּהוֹמוֹת וכו׳, ויקרא קרקע הים תְּהוֹם וכו׳, והאויר יקרא רוּחַ וכו׳. ○ והנה שיעור הכתובים, בתחלה בָּרָא אֱלֹקִים מאין אֶת הַשָּׁמַיִם, וברא מאין אֶת הָאָרֶץ, וְהָאָרֶץ בהבראה הָיְתָה תֹהוּ והיתה בֹהוּ, ובהם חשך ומים ועפר, ורוח נושבת על המים, והנה הכל נברא ונעשה וכו׳.** [ועיי״ש עוד].

[כא] בסגנון לשונות רבינו כאן נראה הכוונה, דאף הרמב״ן שחולק שם על רש״י בשיעור הכתוב דבראשית ברא, מ״מ בעיקר הענין מודה שכבר נברא שורש כל דבר ועיקרו ביום הראשון, וכעין שכתב רש״י להלן. אלא שברש״י נראה לכאורה עוד יותר דגם בפועל כבר נברא הכל ביום ראשון, אלא שהוסדר והתחזק כל דבר ביומו, והועמד על מקומו.

[כב] **ברש״י** (א, יד): **יְהִי מְאֹרֹת וגו׳. מיום ראשון נבראו, וברביעי צוה עליהם להתלות ברקיע. וכן כל תולדות שמים וארץ נבראו ביום ראשון, וכל אחד ואחד נקבע ביום שנגזר עליו. הוא שכתוב** [בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים] **אֵת הַשָּׁמַיִם לרבות תולדותיהם, וְאֵת הָאָרֶץ לרבות תולדותיה.**

**ועוד ברש״י** (ב, ד): **אֵלֶּה. האמורים למעלה: תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת ה׳. ללמדך שכולם נבראו בראשון.**

[כג] **ברש״י** (א, ו-ז) **ביום שני: יְהִי רָקִיעַ. ׳יתחזק׳ הרקיע, שאע״פ ׳שנבראו׳ שמים ביום הראשון, עדיין לחים היו, וקרשו בשני מגערת הקב״ה באומרו יהי רקיע וכו׳: ׳וַיַּעַשׂ׳ אֱלֹקִים אֶת הָרָקִיעַ. ׳תִּקְנוֹ׳ על עמדו, והיא עשייתו, כמו ועשתה את צפרניה** (תצא כא, יב).

**ובמזרחי שם: תקנו על עומדו. כי לא יתכן להיות כמשמעו, שכבר נעשה ביום ראשון.**

KolSatmar.com

דער בורא כל עולמים האָט יעדן טאָג נאָר 'מְסַדֵר' געווען יעדעס [זאַך]. די אַלע [צען] מַאֲמָרוֹת פריער [לכל דבר] איז געווען אויף 'מְסַדֵר' צו זיין און אַרויסצוברענגען עס מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל[כד]. אָבער דער ערשטער כֹּחַ, דער יְסוֹד פון דער זאַך, בְּכֹּחַ איז עס אַראָפּגעקומען אַלעס דעם ערשטן טאָג, מיטן ערשטן מַאֲמָר.

נאָר די **משנה** זאָגט נאָר [לשאול והלא במאמר אחד יכול להבראות], מ'האָט דאָך **געקאָנט דעם גאַנצן 'סֵדֶר'**[כה] [לסדר כל דבר על מעמדו ותיקונו] **אויכעט מאַכן מיט איין מַאֲמַר** [להעמידו] **עַל תַּכְלִיתוֹ טאַקע,** [שיהא נגמר גם כל סדרו ותיקונו, ולא רק תחילת הווייתו. און אויף דעם] **זאָגט ער דאָס האָט מען געברויכט האָבן וועגן דעם** [כדי להפרע מן הרשעים וליתן שכר טוב לצדיקים].

**מה**

**נאָר לכאורה, די משנה האָט** [טאַקע] **פאַרענטפערט אַז מ'האָט געדאַרפט האָבן עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת וועגן דעם** [כדי להפרע וכו' וליתן שכר טוב וכו', ולא סגי במאמר אחד]. **אָבער די קשיא איז דאָך ווייטער** [קשה], **דער בורא כל עולמים האָט דאָך געקאָנט די אַלע [צען] מַאֲמָרוֹת מאַכן אין איין טאָג, פאַרוואָס האָט מען געברויכט האָבן צו דעם זעקס טאָג, מ'האָט דאָך עס געקאָנט זאָגן אין איין טאָג.**

**מו**

**נאָר דאָס איז אַלעס** [ווידער] **נישט קיין קשיא,** [ווייל] **וְדָבָר 'בְּעִתּוֹ' מַה טּוֹב.**
**איבערדעם דעס פרעגט גאָרנישט די משנה**[כו].

---

[כד] דקדוק לשונות רבינו כאן הם כדי לכלול גם דרך הרמב"ן.

[כה] וז"ל **האור החיים הק'** בריש פרשתן (אות ג): ותמצא שאמרו ז"ל (מגילה כא:) בראשית מאמר הוא, כי בו השלימו עשרה מאמרות שבהם נברא העולם, הראשון שבכולן בו נברא הכל, אלא שלא היה 'מסודר', והיו כל הבריאות בנמצא אבל חסרו 'הסדר', וסדרן הקב"ה דבר יום ביומו, ביום ראשון הכין והבדיל האור מן החשך וקנה החשך מקומו והאור מקומו, וביום ב' וכו'. ○ והן אמת שהיה **יכול הבורא לכלול במאמר הראשון גם את 'הסדר',** אלא לסיבות הרבה עשה כן, ואחד מהם גילו אותה רבותינו ז"ל באומרם **והלא במאמר אחד יכול להבראות אלא ליפרע וכו' וליתן שכר טוב לצדיקים וכו'.** ואל יקשה בעיניך אומרם ז"ל **בעשרה מאמרות 'נברא' העולם,** לשון בריאה, כי סוף כל סוף כל זמן שהיה חסר התיקון כאילו אין כאן בריאה. המשל, אם הארץ לא היתה נגלית אין מקום לנבראים, וכמו כן שאר הבריאות שהיו מעורבבים כמו האור והחושך, אם כן כל שלא נתקן כאילו לא נברא לזה יתיחס גם כן להם הבריאה.

[כו] ועיין עוד קרוב לזה **בספר מעשי השם** (מעשי בראשית, פרק ב) וז"ל: ונשוב אל עניננו, שכבר שָׁאֲלוּ ז"ל **במאמר אחד היה יכול להבראות.** ויש לשאול למה לא אמרו שַׁאֲלָתָם לענין **'שברגע אחד' היה יכול להבראות,** והיתה אז הטענה יותר עצומה, שמה שהיה יכול לברא ברגע אחד ברא בז' ימים שהם כמה אלפים רגעים, משא"כ במאמרות, שלא הִרְבָּה רק מן מספר הא' אל מספר הי'. ○ אמנם במה שהנחנו יתיישב על נכון, שברא קודם החומר היולי ברגע, ואחר בריאת החומר ההוא, הנה כדי להוציא צורה אחת מן הכח אל הפועל היה צריך זמן כשיעור סבוב הגלגל היומי. **ואין לך לומר למה לא היה בורא הקב"ה מן ההיולי כל הנבראים ברגע,** כמו שאין לך לומר מדוע האשה ההרה לא תוליד תכף ברגע אבל יולדת לתשעה, לפי שהחומרים אשר מהם יצא דבר זולתם **השי"ת קבע לכל אחד זמן כפי חוקו שתצא פעולתו מז הכח אל הפועל זה ביום אחד וזה בשבוע וזה בחדש וזה בשנה וזה בכמה שנים, ואם כן קבע ג"כ לחומר היולי שתצא פעולתו בכל מאמר ביום אחד.** ועוד שפעולת החומר היולי בכל הנבראים במאמרו ית' לא היה רק במקום אחד מן הכדור, והעד הנאמן בזה יתבאר היטב בפעולת המאורות, שעם היות הפעולה ההיא שלימה עשויה כדי להאיר על הארץ, לא היה אפשר שתתפשט פעולתו שהיא האורה בפחות מיום אחד, שהגלגל יומי הוליך אותו ממזרח למערב כל הכדור סביב, ואז נתפשט אורו בכל הכדור, אם כן ודאי יתכן לומר שכמו כן היו כל פעולות החומר ההיולי שלא היו מתפשטות בכל הכדור רק ע"י גלגל היומי. והיה זה משל דומה למי שרוצה לתת בְּשָׂמִים בקדירה, וכוונתו שיתפשט טעם כל בושם בכל חלקי התבשיל בשוה, הנה יתן בקדרה מין בושם אחד ויערב הקדרה ומנער אותה היטב ואח"כ יתן בושם אחר. כמו כן היתה פעולת החומר ההיולי בגזירת הבורא ית' ובמאמרו מתפשטת ביום אחד בכל כדור

KolSatmar.com

**מז**

דער אֱמֶת, אַז מ׳קוקט אַריין אין **די כתבי אר״י, רבי חיים וויטאַל** זאָגט דאָרט פאָרנט[כז] אין עץ [חיים][כח], ס׳איז באַשאַפן געוואָרן די אַלע עולָמות [עליונים] פריער, נאָך פאַר עולם הזה איז באַשאַפן געוואָרן, זענען שוין אַלע עולָמות הָעֶלְיוֹנִים געווען, פאַר בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ. אַזוי זאָגט אַרויס **רבי חיים וויטאַל**.

זאָגט ער דאָרטן .. [דבאמת] מ׳טאָר דאָך נישט פרעגן **מַה לְפָנִים וּמַה לְאָחוֹר**, מ׳טאָר גאָר נישט אַריינקלערן אין דעם, [ווי] **די גמרא**[כט] זאָגט אויף דעם זייער שאַרף.

נאָר ׳אַזוי בדרך כלל׳ זאָגט ער, אַז יענעס איז באַשאַפן געוואָרן פריער, נאָר ס׳האָט געדויערט, און פון איין עולם צום אַנדערן האָט [אויך] געדויערט, ביז ס׳איז געקומען די צייט פונעם **עולם הזה**. נאָר [בהפרטים איך וכמה ומתי] וויפיל ס׳האָט געדויערט, ווי גרויס און ווילאַנג, דאָס טאָר מען נישט אַריינקלערן.

דאָס קאָן מיר אונז נישט וויסן טאַקע, נאָר [הכל] אַזוי ווי חָכְמָתוֹ יִתְבָּרֵךְ האָט געזען אַז ס׳איז גוט, [אַזוי] איז עס געשען.

**מח**

דער זְמַן וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז ווייל דער בורא כל עולמים האָט געזען אַז **דאָס איז דער זְמַן**, [און אַז] ׳דעס׳ האָט געברויכט צו זיין פריער און ׳דעס׳ שפעטער, דער בורא כל עולמים האָט געזען אַז **היצט איז דער זְמַן**.

---

הארץ, אבל פעולתו ית׳ בבריאתו החומר ההיולי היה בעת אחד וברגע אחד, ובזה ירוח לנו מאד שאין מקום לשאול ברגע אחד היה יכול להבראות, שבריאת ההיולי כן היה ברגע ועתה ראשון, באופן שהכל ברא הקב״ה ברגע, לא בזמן כענין באדם.

[כז] פירוש: בתחלת הספר.

[כח] **בעץ חיים** (שער א, ענף א): **החקירה ב׳ היא קרובה אל שאלת מה למעלה ומה למטה מה לפנים ומה לאחור** במסכת חגיגה (יא:) פרק אין דורשין, והנה להיות השאלה זו עמוקה מאד אשר כמעט מסתכן האדם בהעמיק **הסתכלותו בחקירה זו**, ועינינו כאשר הזכירו חז״ל במשנה הנ״ל כל המסתכל בד׳ דברים אלו ראוי לו שלא בא לעולם. ועל כן **לא נוכל להרחיב ולהעמיק בחקירתם**. אמנם נבאר בע״ה ראשי פרקים כמציץ מן החרכים בלתי הסתכלות בדברים העמוקים, והמשכיל על דברינו אלה ימצא טוב טעם ודעת, אם יבינהו. והנה ענין החקירה הזאת אשר שואלים למה בריאת עולם הזה היה בזמן שהיה, ולא קודם או אחר כך. ○ ולכן צריך שתדע את אשר נבאר בחיבורינו, והוא כי הנה נודע כי האור העליון למעלה למעלה עד אין קץ הנקרא אין סוף, שמו מוכיח עליו שאין בו שום תפיסה, לא במחשבה ולא בהרהור כלל ועיקר, והוא מופשט ומובדל מכל מחשבות, והוא קודם אל כל הנאצלים והנבראים והיצורים והנעשים, ולא היה בו זמן התחלה וראשית, כי תמיד הוא נמצא וקיים לעד, ואין בו ראש וסוף כלל. והנה מן האין סוף נשתלשל אחר כך מציאות המאור הגדול הנקרא וכו׳ כמ״ש בענף ג׳. ואחר כך נשתלשלו ממנו וכו׳ אורות רבים היוצאים מתוכו ומאירין חוצה לו וכו׳, ובסביבותיהם אורות רבים מאירים ונתלים בהם הנקרא עולם הנקודים, ואחר כך נשתלשלו ממנו ד׳ עולמות אצילות בריאה יצירה עשייה הידועים ומפורסמים, כנזכר בזוהר ובתיקונים. ואמנם אצילות וכו׳ הזה, ומכל שכן שאר עולמות שתחתיו כנ״ל היה להם ראש וסוף והיה להם זמן התחלת הויותן ואצילותן, משא״כ באין סוף הנ״ל. והנה מן העת וזמן אשר התחיל התפשטות והשתלשלות האורות והעולמות הנ״ל, מאז התחיל הויות הנבראים כולם זה אחר זה, עד שבא הדבר אל המציאות אשר הוא עתה, וכפי סדר ההתפשטות וההשתלשלות כסדר הזמנים זה אחר זה, כך נעשה, ולא היה אפשר להקדים או לאחר בריאת עולם הזה, כי כל עולם ועולם נברא אחר בריאת עולם שלמעלה ממנו, וכל העולמות היו נבראים ומתפשטים ומשתלשלים והולכים זה תחת זה בזמנים שונים ומאוחרים זה אחר זה, **עד שהגיע זמן בריאת עולם הזה, ואז נברא בזמן הראוי לו**, אחר בריאת העולמות העליונים אשר עליו. ודי בזה, **כי לא נוכל להרחיב ולהעמיק ביאור זה הענין ככל הצורך, ואיך וכמה ומתי**.

[כט] כמבואר **במשנה חגיגה** (יא:): כל המסתכל בארבעה דברים [פירש״י: הני דמפרש ואזיל], ראוי לו כאילו לא בא לעולם. **מה למעלה** [מרקיע שעל ראשי החיות], **מה למטה** [מהן], **מה לפנים** [קודם לעולם], **ומה לאחור** [ובתוספתא מה לפנים ומה לאחור, מה היה ומה עתיד להיות].

KolSatmar.com

**מט**

וויפיל ס'האָט געברויכט צו דויערן פון איין עולם [צום צווייטן] **דאָס ווייס מיר אונז** נישט, .. דעס וואָס אונז האָב מיר נישט אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בפירוש.

אפילו ס'איז 'מְרוּמָּז', ס'ליגט דאָך אַלעס איז מְרוּמָּז אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, ס'ליגט דאָך אין **פנימיות** פון די תורה הקדושה ..

אָבער דאָס פַּשְׁטוּת - אֵין מקרא יוצא מידי פשוטו - איז [מְפוֹרָשׁ בתורה] **נאָר די בריאת עולם הזה**, 'די' שָׁמַיִם וָאָרֶץ וואָס מ'האָב מיר פאַר די אויגן, דעס איז 'מְבוֹאָר' [להדיא] אין פסוק.

און די **שיתא אלפי שני הוי עולם** [התלויים בששת ימי המעשה (כדלעיל באות לט), דאָס] **איז אַלעס אויף 'דעם', אויף די בריאה פון 'דעם' עולם.**

**נ**

אָבער די פריערדיגע עולמות [העליונים] איז געווען **יאָרן דערפריער, נאָר אונז** ווייס מיר נאָר נישט וויפיל, און מ'טאָר ניטאַמאָל אַריינקלערן, אַזוי זאָגט **רבי חיים וויטאַל** בפירוש אַז דאָס האָט געדויערט נאָך פון יענעם [עולם, ביז צום עולם הזה]. און דאָס האָט געמוזט זיין [לפי הזמן שראתה חכמתו יתברך], ס'האָט געמוזט 'אַזויפיל' דויערן ביז ס'זאָל אַרויסקומען **דער עולם** וואָס אונז האָב מיר דאָ.

דאָס פאַרשטיי מיר נישט, און מ'טאָר נישט אַריינקלערן גאָר דערין.

**נא**

יהיה איך שיהיה, די **בריאת העולם** איז אַלעס תלוי אין **אַ זְמַן** [מיוחד].

**נב**

היצט איז רעכט.

דעס וואָס ס'האָט געמוזט דויערן **זעקס טאָג** [לימי המעשה] **און זיבן טאָג** [עם יום השביתה], דאָס איז גאַנץ בבירור [ווייל] דער בורא כל עולמים האָט געזען **אַז דאָס איז דער זְמַן**. [דבכדי] אַז ס'זאָל אַרויסקומען עַל תִּיקוּנוֹ, לויט דעם מְהוּת פון **'דער' וועלט**, וואָס דער בורא כל עולמים האָט [עס] באַשאַפן [אַלץ] **אַן עולם הנסיון**, מיט 'די' בחינות, און מיט 'דעם' טבעיות, און מיט 'דעם' מצב, [לצורך כל זה] **האָט 'דאָס'** געברויכט צו זיין דעם ערשטן טאָג, און 'דעס' האָט געברויכט זיין דעם צווייטן טאָג, [ועל כל זה נאמר] **וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב.**

**נג**

**הקדמה לישוב קושיא טז**

און [כמו כן עבור] **שַׁבָּת**, לכאורה שַׁבָּת איז אויך [השביתה ממלאכתו אשר עשה] **האָט** געמוזט זיין [דוקא אין יום] **שַׁבָּת**, [ווייל] **דער יוֹם הַשְּׁבִיעִי איז קוֹדֶשׁ**. דער בורא כל עולמים האָט געזען 'דעם' טאָג צו מאַכן די שְׁבִיתָה, סיי ווי סיי.

ס'איז נישט דער פְּשַׁט דער טעם [מצות השבת] ווייל ס'האָט זיך אַזוי געפירט אַז דער בורא כל עולמים האָט גערוהט, איבערדעם איז שַׁבָּת. **נאָר פאַרקערט**, [אַז ווייל] **דער בורא כל עולמים האָט געזען** [אַז] **'דער' טאָג ברויך צו זיין שַׁבָּת**, [איבערדעם] **האָט מען אויף דעמאָלטס גערוהט**. [ולכן הוצרכו להיות מקודם ששת ימי המעשה, ולא נברא הכל ביום אחד].

KolSatmar.com

נד

[והגם] דער בורא כל עולמים האָט [טאַקע] געזאָגט וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, פאַרוואָס, כִּי בוֹ שָׁבַת, [ווייל] די שְׁבִיתָה, דעמאָלטס איז געווען די שְׁבִיתָה אַז מ׳האָט גערוהט.

אָבער דער טעם פון די שְׁבִיתָה [עצמה] וואָס ס׳איז געווען דעמאָלטס, איז פאַרדעם ווייל דער בורא כל עולמים האָט אַזוי געזען אַז ׳דער טאָג׳ ברויך צו זיין שַׁבָּת, אַז דער זיבעטער טאָג ברויך זיין שַׁבָּת.

ווייל דער בורא כל עולמים [מצדו] האָט געקאָנט רוען [שוין] דעם ערשטן טאָג [על ידי שיגמור כל מלאכתו אשר עשה בתוך שעה אחת].

נה

[ואפילו] דעם ערשטן טאָג אַליין איז דאָך נישט קיין יְגִיעָה, נאָר מיט אַ דִיבּוּר, מיט אַ מַאֲמַר אַליין, מיט איין מַאֲמַר בְּרֶגַע אֶחָד איז עס געוואָרן. [ואם כן] לכאורה קאָן מען זאָגן אַז אויסער די איינע רֶגַע [שבו נעשה מלאכת כל יום ביומו] איז יעדער טאָג [שוין] געווען שְׁבִיתָה.

נאָר [כפי פשוטו הביאור הוא, ווייל] דאָס האָט נישט געהייסן קיין שְׁבִיתָה [והפסקה ממלאכתו, מכיון שעדיין לא נגמר כל המלאכה שרצה לעשות].

נאָר וואָס דען, דער אֱמֶת איז [לפי עוֹמֶק הענין], דער עיקר איז, [ווייל] דער בורא כל עולמים האָט געזען אַז ׳דאָס׳ איז די צייט, דאָס איז דער זמן פון די שְׁבִיתָה, דער זיבעטער טאָג איז דער זמן פון די שְׁבִיתָה.

עב

והיוצא לנו מזה, דָּבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, דער בורא כל עולמים זעט אַלעס אין דער [ריכטיגער] צייט.

עג

הקדמה לישוב קושיא א-ג, וקושיא יב

## בביאור מאמר הגמרא במנחות

היצט לאָמיר זען, ווועל מיר צוריקגיין צו שבירת הלוחות (קושיא ג), פְּסָל לְךָ, דער עֵת, לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם (קושיא יב).

עד

די גמרא זאָגט אין מנחות[ל], פעמים שביטולה של תורה זו היא קיומה[לא], שנאמר (תשא לד, א) אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ.

זאָגט רש״י, ביטולה של תורה, ס׳איז פאַרהאַנדן אַמאָל שמבטלין תלמוד תורה

---

[ל] **בגמרא מנחות** (דף צט): **אמר ריש לקיש פעמים שביטולה של תורה** [פירש״י: כגון שמבטל תורה להוצאת המת ולהכנסת כלה] **זהו יסודה** [כלומר מקבל שכר כאילו יושב ומייסדה ועוסק בה], **דכתיב אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ, אמר לו הקב״ה למשה יישר כחך ששברת** [ולא אמר ליה בלשון כעס, שמע מינה הסכימה עמו דעת השכינה כשביטל תורה ושיברן, כיון דנתכוין לטובה. - וברש״י שבעין יעקב מוסיף כאן וז״ל: שנשא משה קל וחומר בעצמו, ומה פסח שאינו אלא מצוה אחת אמרה תורה כל בן נכר לא יאכל בה, כל התורה וישראל מומרים על אחת כמה וכמה, בפרק הבא על יבמתו (יבמות סב.)].

[לא] לשון קיומה, הוא מלשון הרבינו גרשום דלהלן. וכן הועתק הלשון בכמה מפרשים.

KolSatmar.com

**להוצאת המת און הכנסת כלה, ס׳איז דאָ מצות וואָס מ׳דאַרף מְבַטֵּל זיין תלמוד תורה.** און אַ ראיה [דערצו איז פון] **שבירת הלוחות, איז דאָך אויך אַ ביטול תורה, און ווייל ער האָט געמיינט לטובה האָט מען אים געגעבן אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ.**

**עה**

לכאורה, וואו קומט עפּעס איינס צו דאָס אַנדערע [ענין ביטול תלמוד תורה להוצאות המת ולהכנסת כלה, לענין מה שנשא משה קל וחומר בשבירת הלוחות]. **אַזוי ווי די מפרשים** [זענען מסביר], **דער שיטה מקובצת** דאָרט (בגליון הגמרא), [אָדער] **דער רבינו גרשום**[לב].

[והלא] שבירת הלוחות איז דאָך [מה שלמד משה] פון **אַ קַל וָחֹמֶר** פון [קָרְבָּן] **פֶּסַח,** מַה־דאָך מצוה אחת [אמרה תורה] (בא יב, מג) **כָּל בֶּן נֵכָר לֹא יֹאכַל בּוֹ,** אַזוי ווי די **גמרא** זאָגט[לג]. [ואם כן] איז דאָך עס וועגן אַן אַנדערן טעם, איז דאָך עס נישט וועגן קיומה של תורה, נאָר ווייל מ׳טאָר נישט.

**עו**

נאָר דאָס קען זיין [לפרש הגמרא באופן אחר, דהכוונה] ס׳איז אָבער דאָך פאַרהאַנדן מ׳זאָל וויסן [משבירת הלוחות] **די בחינה און מצב** [האדם, פאַר] **ווען מ׳קאָן מ׳איבערגעבן תּוֹרָה.** [ולזה אמרו פעמים ביטולה של תורה זהו קיומה, והיינו שמוטב לבטל לימוד התורה, כדי שלא למוסרה לאדם שאינו הגון].

**עז**

נאָר וואָס דען, איך מיין ס׳ליגט נאָך אַ בחינה, וואָרן רש״י זאָגט נישט - און די גמרא זאָגט נישט - קיין טעם פאַרוואָס די **שבירת הלוחות** [היה בזה ׳קיומה׳ של תורה], וויאַזוי ׳דאָרט׳ איז געדרינגען **ביטולה של תורה זהו קיומה.**

ער זאָגט [ברש״י] **נאָר סְתָּם ער האָט געמיינט לטובה,** און ס׳איז געווען גוט.

[נאָר] איך האָב גערעכנט אין דעם נאָך אַ בחינה.

**עח**

**וואָרן די גמרא זאָגט אין עירובין דף נ״ד**[לד] **אלמלי לא נשתברו הלוחות הראשונים, לא היה תורה משתכחת ישראל, העט נישט געווען קיין שכחה.**

די לוּחוֹת הָרִאשׁוֹנִים האָט מען געגעבן מיט אַזאַ כֹּחַ, אַז מ׳זאָל נישט פאַרגעסן קיינמאָל וואָס מ׳לערנט.

**אַזוי זאָגט די גמרא אין עירובין.**

---

[לב] **בפירוש רבינו גרשום** (הנדפס שם בגליון הגמרא): **שביטולה של תורה זה הוא ׳יסודה׳. קיומה, כדאמר** (מגילה ג: וכתובות יז.) **מבטלין תלמוד תורה להוצאת המת ולהכנסת כלה: אמר לו הקב״ה יישר כחך ששיברת. דדרש משה קל וחומר, כדמפרש ביבמות** (סב. ושבת פז., כדהובא להלן).

וכן הוא **במהרש״א** שם: **ישר כחך ששברת כו׳.** וענין זהו יסודה דקאמר הכא, נראה לפרש על פי מאי דאמרינן התם ומה פסח כו׳ תורה כולה וישראל מומרים על אחת כמה וכמה, וק״ל.

[לג] **בגמרא שבת** (פז.) **ויבמות** (סב.): **תניא, שלשה דברים עשה משה מדעתו, והסכימה דעתו לדעת המקום וכו׳. שיבר את הלוחות וכו׳. מאי דרש, אמר, ומה פֶּסַח שהוא אחד מתרי״ג מִצְוֹת, אמרה תורה** (בא יב, מג) **כָּל בֶּן נֵכָר לֹא יֹאכַל בּוֹ, התורה כולה** [פרש״י: תלויה בלוחות הללו], **וישראל ׳מוּמְרִים׳, על אחת כמה וכמה** [שאינם כדאי לה]. **והסכימה דעתו לדעת המקום, דכתיב** (תשא לד, א) **׳אֲשֶׁר׳ שִׁבַּרְתָּ, ואמר ריש לקיש, אמר ליה הקב״ה למשה ׳יְיַשֵּׁר׳ כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ.** [אֲשֶׁר, אִשּׁוּר, שֶׁאִשְּׁרוֹ וְשִׁבְּחוֹ על שבירתן].

[לד] **בגמרא עירובין** (נד:): **אמר רבי אלעזר, מאי דכתיב חָרוּת עַל הַלֻּחֹת, אלמלי לא נשתברו לוחות הראשונות לא נשתכחה תורה מישראל. רב אחא בר יעקב אמר, אין כל אומה ולשון שולטת בהן, שנאמר חָרוּת, אל תיקרי חָרוּת אלא חֵירוּת.** [ופירש״י: על הלוחות. בשביל הלוחות, היו בני ישראל בני חורין].

KolSatmar.com

### עט

[און] דער **מדרש רבה** זאָגט אין **קהלת פרק א'**[לה], **לטובתן של ישראל ניתן מדת השכחה**, [ווייל] ווען **אלמלא שכחה**, העט מען געלערנט ב' או ג' שנים, מ'העט דורכגעלערנט די תורה, און מ'העט זי מער נישט אָנגעקוקט, מ'העט געגאַנגען למלאכתו, וואָרן מ'העט דאָך געדענקט אַלעס ווען מ'האָט געלערנט.

**אַז מ'פאַרגעסט אָבער, מוז מען כְּסֵדֶר לערנען.**

**אַזוי זאָגט דער מדרש אין קהלת.**

### פ

מיט דעם האָב איך געטייטשט וואָס דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים קיט, צג) **לְעוֹלָם לֹא אֶשְׁכַּח פִּקּוּדֶיךָ כִּי בָם חִיִּיתָנִי.**

[ווייל] פאַרוואָס איז דען דאָ מִדַּת הַשִּׁכְחָה, ווייל מ'וועט נישט לערנען [בלא זה].

[אָבער] דוד המלך האָט געזאָגט, מיין חַיּוּת [איז די תורה], **איך קאָן נישט לעבן אָן תּוֹרָה**, [ונמצא] איך וועל מוזן לערנען אפילו איך וועל נישט פאַרגעסן.

[ולזה אמר] **לְעוֹלָם לֹא אֶשְׁכַּח פִּקּוּדֶיךָ**, איך ברויך נישט פאַרגעסן, פאַרוואָס, **כִּי בָם חִיִּיתָנִי**. [ונמצא] ס'איז נישטאָ דער חשש.

### פא

קען זיין, ווען נישט דער חֵטְא הָעֵגֶל [לא היה שייך חשש שיתעצלו, ולכן אָז לא היו שוכחין].

**פריער זענען אידן געווען ביי דער בחינה - נאָך קבלת התורה** - [פון] **פסקה זוהמתן** (שבת קמו.), **האָט נישט אויסגעפעלט קיין שכחה**, [כי היו במדריגת כִּי בָם חִיִּיתָנִי, ולא היה אצלם החשש שיפרשו מדברי תורה. וממילא] **זענען גוט געווען די לוחות** [הראשונות שרצו ליתן להם, אף שהיו באופן שלא היה השכחה מצויה בהם].

**אָבער נאָך דעם מצב** [שנתהווה לאחר העגל], **ווען מ'איז שוין נישט געווען אַזוי דָּבוּק**, ס'איז שוין איבערגעריסן געוואָרן דעס דְּבֵיקוּת[לו] [בהבורא יתברך ובהתורה הק'], **און ווען ס'איז נישט קיין שכחה העט מען גיווען איבערגעלאָזט די תורה.** [וממילא שוב] **איז געווען אַ גרויסע טוֹבָה די שבירת הלוחות**, [שעי"ז נגרם להם השכחה, והוכרחו לחזור תמיד על דברי תורה, ולזה אמר לו הקב"ה] **יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ, ס'איז אַ טוֹבָה.**

### פב

**דאָס איז דער פְּשַׁט פעמים שביטולה של תורה 'זהו קיומה', און פאַרוואָס, זאָגט ער והראיה שבירת הלוחות** [שהיא כביטולה של תורה, אָבער] **דורך שבירת הלוחות מוז מען לערנען** [ונמצא שהיא קיומה של תורה].

---

[לה] **בקהלת רבה** (א, פסוק יג): רבי אבהו אמר זה שיפוטה של תורה שאדם לומד תורה ושוכחה. רבנן דתמן בשם רבי יצחק דהכא ורבי טוביה בשם רבי יצחק, **לטובתו אדם לומד תורה ושוכח**, שאילו היה אדם לומד תורה ולא שוכח היה מתעסק בתורה שתים שלש שנים וחוזר ומתעסק במלאכתו ולא היה משגיח בה לעולם כל ימיו, אלא **מתוך שאדם לומד תורה ומשכחה אינו מזיז ואינו מזיע את עצמו מדברי תורה.**

[לו] ואפילו אותן שלא חטאו בעגל כגון שבט לוי, אעפ"כ היה בהם חסרון בשלימותן בבחינת הכלליות. (דברי יואל).

KolSatmar.com

דורכדעם ווייל ער האָט צובראָכן די לוחות, איז דאָך געוואָרן אַ **ביטול תורה**, [שהרי עד שניתן להם לוחות שניות] 'דערווייל' איז נישטאָ קיין **לוחות**, און [ועוד שגם לדורות יש בזה ביטולה של תורה שהרי] מ'פאַרגעסט, ס'איז געוואָרן **שכחה**.

אָבער דורך דעם מוז מען לערנען, איז דאָס **ביטולה של תורה** 'זהו קיומה'. זה 'יסודה', אַזוי זאָגט די גמרא, **פעמים שביטולה** דאָס איז דער 'יסודה', ווייל דער ביטולה של תורה [של שבירת הלוחות שגרמה השכחה, היא סיבה ליסודה של תורה, שיתמידו ללמוד בה תמיד][לז].

**פג**

[והגם שלכאורה מדת הקל וחומר מקרבן פסח, יספיק לשבירתן, ואם כן איך נשמע מינה דזהו קיומה. אמנם מצד הקל וחומר היה עדיין מקום ליתן התורה לאלו שהיו ראויין אליה, כגון שבט לוי ורוב ישראל שלא חטאו בעגל, דלא היו מספר החוטאים כי אם שלשת אלפי איש. ומדאמר לו הקב"ה למשה יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ, על כן שפיר נשמע מינה דלפעמים ביטולה של תורה לטובה היא, וגורמת קיומה. (דברי יואל)].

**פד**

**הקדמה לישוב קושיא ג**

לאָמיר זען.

דער אייבירשטער האָט געגעבן, דער בורא כל עולמים [נתן הרמ"ח אברים להאדם], און [מיט] יעדן אֵבֶר ברויך מען זיך מַשְׁלִים צו זיין, מיט תּוֹרָה און מיט מִצְוֹת. [וכמו שדרשו[לח] בפסוק] בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה, [אַז] מיט יעדן אֵבֶר וואָס מ'האָט געזינדיגט, ברויך מען צו טון [דערמיט] מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

[ווי] דער **חרדים** רעכנט דאָך אויס[לט] אויף יעדן אֵבֶר [כל] מִצְוֹת [התלויים בה].

---

[לז] ועיין בחינה זו בקצרה בעיון יעקב על העין יעקב (מנחות שם): ביטולה של תורה זהו קיומה, דכתיב אשר שברת יישר כחך ששברת. אפשר, [כי] על ידי שבירת הלוחות גרם השכחה בישראל, כדאיתא בעירובין דף נ"ד. וזה הוא קיומה, שעל ידי כן צריך לחזור על לימודו תמיד, כדאיתא במפרשים.

[לח] **בויקרא רבה** (כא, ה): בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן. זה שאמר הכתוב (משלי כד, ו) **כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה**. ר' נתן ור' אחא בשם ר' סימון אמר, אם עשית חבילות של עבירות עֲשֵׂה כנגדן חבילות של מצות. [ועל זה מביא המדרש לשון הפסוק במשלי (ו, יז-יט)]. **'עֵינַיִם' רָמוֹת**, וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין 'עֵינֶיךָ' (ואתחנן ו, ח). **'לְשׁוֹן' שָׁקֶר**, וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם (עקב יא, יט). **'יָדַיִם' שֹׁפְכוֹת דָּם נָקִי**, וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל 'יָדֶךָ' (שם). **'לֵב' חֹרֵשׁ מַחְשְׁבוֹת אָוֶן**, וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה [עַל 'לְבָבֶךָ'] (ואתחנן שם, ו) **'רַגְלַיִם' מְמַהֲרוֹת לָרוּץ לָרָעָה**, הוי רץ אחר מילה שהיא בין ברכים. **יָפִיחַ כְּזָבִים 'עֵד' שָׁקֶר**, וְאַתֶּם 'עֵדַי' נְאֻם ה' (ישעי' מג, יב). **וּמְשַׁלֵּחַ 'מְדָנִים' בֵּין אַחִים**, בַּקֵּשׁ 'שָׁלוֹם' וְרָדְפֵהוּ (תהלים לד, טו).

[לט] שעל בנין זה נבנה כל ספר, לחשוב מנין התרי"ג מצות לפי סדר שמונה איברים שבהאדם, ומפרט המצות התלויים בכל אבר.

וז"ל בעל החרדים בהקדמתו: ואיתא בספרי ובסדר עולם וברעיא מהימנא דכל המצוות תלויות בשמונה אברים שבאדם, בלב ועין ופה וחוטם ואוזן ויד ורגל וראש הגויה. ומצות ציצית שהיא מזכרת כל המצוות, כדכתיב בה (שלח טו, לט) וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה', יש בכנף שמונה חוטין, רמז לשמונה דברים אלו. לכן ראיתי לחלק המצוות לשמונה אברים אלו בפרקים וכו'. ואכתוב גם קצת מצוות מדברי קבלה, הם הנביאים והכתובים. ומדברי סופרים, כדאמרינן במסכת ברכות (יט:) כל מילי דרבנן אלאו דלא תסור אסמכינהו, וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה (שם ד:), לפי שפורץ גדרה של תורה. וראוי לכל ירא ה' להקדים כל יום לזכור בלב ולהוציא בפה המצוות שאפשר לו לקיימן, וכן כתב הרב רבינו יוסף נחמיאש תלמידו של הרב רבינו אשר, והיינו דכתיב בפרשת ציצית וזכרתם את כל מצות ה', וחזר וכתב למען תזכרו, הראשון לזוכרם בלב, והשני לזוכרם בפה. ועל שניהם רמז דוד ואמר (תהלים קג, יז-יח) וְחֶסֶד ה' מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם וגו' לְשֹׁמְרֵי בְרִיתוֹ וּלְזֹכְרֵי פִקֻּדָיו לַעֲשׂוֹתָם.

KolSatmar.com

פה

[וכגון] **דאָס 'מויל' האָט מען געגעבן אויף** [לערנען] **תורה, און אויף שירות ותשבחות. אויף תפילות, און אויף תורה.**

**מ'זאָל לערנען** [בדיבור ובקול רם, באופן] **ס'זאָל זיין חַיִּים** [הֵם] **לְמוֹצְאֵיהֶם בְּפֶה**[מ].

פו

[און] **די 'אויגן' ברויך מען** [אויך אויף דעם אַז] **מ'זאָל לערנען, מ'זאָל אַריינקוקן**[מא] [בתוך הספר, ולקיים] **וְהָגִיתָ בּוֹ,** [און] **רוב זמנים** [אנו עוסקים "בתורה שבעל פה" יותר מבתורה שבכתב, ובפרט בלילה שאין לעסוק אז בתורה שבכתב, ונמצא שע"י תורה שבעל פה מתקיים] **וְהָגִיתָ בּוֹ 'יוֹמָם וָלַיְלָה'** (יהושע א, ח).

פז

**אָבער אַז מ'פאַרגעסט נישט, אפילו** [ווען] **מ'האָט דעס חיות פון לערנען** [כמו שאמר דוד המלך, אָבער] **אַז מ'געדענקט אויסענווייניג אַלעס, ס'איז נישטאָ קיין שכחה בעולם, דעמאָלטס קאָן מען דאָך לערנען בעל פה, איז דאָך אַלץ נאָר בעל פה** [ואי אתה רשאי לכותבן בכתב, ואם כן] **פעלט דער תיקון פון די אויגן, דער תִּיקוּן הָעֵינַיִם וואָס מ'דאַרף זיך מְיַגֵּעַ זיין און לערנען "בִּכְתַב".**

**ווען מ'מוז נישט שרייבן** [גם] **תורה שבעל פה,** [ווען] **עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, עֵת לַעֲשׂוֹת לַה'**[מב], [היה נמצא דאז] **פעלט דער תִּיקוּן פאַר די אויגן.**

פח

[אָבער] **דורך די שְׁבִירַת הַלּוּחוֹת, אַז ס'איז דאָ שִׁכְחָה** [והוצרכו לכתוב אף תורה שבעל פה משום עת לעשות, עבור זה נמצא] **נוצט מען כסדר די "אויגן" צו תּוֹרָה", און דעס איז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר.**

---

[מ] כמבואר **בגמרא עירובין** (נד.): אמר ליה שמואל לרב יהודה, שיננא פתח פומיך קרי, פתח פומיך תני, כי היכי דתתקיים ביך, ותוריך חיי [פירש"י: שתאריך ימים]. שנאמר (משלי ד, כב) כִּי חַיִּים הֵם 'לְמֹצְאֵיהֶם' וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא, אל תקרי 'לְמֹצְאֵיהֶם' אלא 'לְמוֹצִיאֵיהֶם' בְּפֶה וכו'. ○ אמר רב אמי, מאי דכתיב (משלי כב, יח) כִּי נָעִים כִּי תִשְׁמְרֵם בְּבִטְנֶךָ יִכֹּנוּ יַחְדָּו עַל שְׂפָתֶיךָ בבטנך יכונו יחדיו על שפתיך, אימתי דברי תורה נעימים, בזמן שתשמרם בבטנך [שהן שמורים בידך, שאין משתכחין ממך]. ואימתי תשמרם בבטנך, בזמן שיכונו יחדו על שפתיך [שאתה סודרן ומוציאן בפה, ולא בגימגום ובלחישה]. ○ רבי זירא אמר מהכא, שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב (משלי טו, כג), אימתי שמחה לאיש [שאדם שמח בתלמודו], בזמן שמענה בפיו [שיש לו מענה, כששואלין ממנו דבר הלכה]. לשון אחר, אימתי שמחה לאיש במענה פיו, בזמן שדבר בעתו מה טוב [שיודע לדרוש הלכות חג בחג]. ○ רבי יצחק אמר מהכא, כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂתוֹ (נצבים ל, יד), אימתי קרוב אליך, בזמן שבפיך ובלבבך לעשותו. ○ רבא אמר מהכא, תַּאֲוַת לִבּוֹ נָתַתָּה לּוֹ וַאֲרֶשֶׁת שְׂפָתָיו בַּל מָנַעְתָּ סֶּלָה (תהלים כא, ג), אימתי תאות לבו נתתה לו, בזמן שארשת שפתיו בל מנעת סלה [ספירת שפתיו בל תמנע סלה, כשנתת בו דעת להוציא בשפתיו].

[מא] וכמו שמזכיר שם **בספר חרדים** (פרק י): **מצוות עשה מן התורה התלויות בעינים ואפשר לקיימן בכל יום וכו'.** א) להסתכל בציצית וכו'. ב) סוף פ' חמישי דגיטין (ס:) כְּתָב לְךָ אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה (משפטים לד, כז), דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרן על פה, **אלא ילמוד בעיניו תורה שבכתב בספר,** ולאו הבא מכלל עשה עשה. –

[אלא שהחרדים מיירי רק מתורה שבכתב, כי בספרו מונה לפי סדר התרי"ג מצות דאורייתא. אבל רבינו מוסיף כאן, דבזמן הזה לאחר שהתירו לכתוב תורה שבעל פה, יש גם בזה מצוה, ועוד שהוא עיקר התיקון לפגם העינים, כי ברוב זמנים עוסקים בתורה שבעל פה יותר מבתורה שבכתב].

[מב] וכמבואר **בגמרא גיטין** (ס.) **ותמורה** (יד:) עיי"ש. ועיין **בתוספות שבת** (קטו.).

KolSatmar.com

[טאָמער] **אַז מ׳איז עובר** [געווען] **חלילה** [אויף] **וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, איז מען מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר** [די אויגן], **דורכדעם וואָס מ׳קוקט אַריין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה און מ׳פלאָגט זיך** [מיט די אויגן, אויף תּוֹרָה].

**פט**

**ישוב קושיא ג**

**דאָס איז דער פְּשַׁט, וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה,** [וכפירש״י] **זו שְׁבִירַת הַלּוּחוֹת, מיט דעם האָט ער ׳געטון׳** [אַ תיקון] **׳לְעֵינֵי׳ כָּל יִשְׂרָאֵל, ער האָט פאַרראָכטן ׳אידישע אויגן׳**[מג].

**ווייל דורך די שכחה מוז מען זיצן און לערנען,** [וכיון שיש שכחה הוצרך להיות הכל בכתב דייקא ולא בעל פה, ונמצא] **איז דאָך מיט די אויגן** [לערנט מען תורה], **האָט מען אַ גרויסן תיקון פאַר די אויגן.**

**צ**

**הקדמה לישוב קושיא ב**

**דער פלאָצקער** [גאון] **אין מלא העומר**[מד]**, פרעגט ער אַ קשיא**[מה]**, וויאַזוי האָט ער געקאָנט צוברעכן די לוחות, מ׳איז דאָך עובר אויף לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן** (ראה יב, ד), [שמזה למדו] **הנותץ אבן מן המזבח** [או המוחק שם הקודש עובר בלא תעשה].

[והלא] **ס׳איז געווען די קְדוּשָׁה** [בהלוחות], **ס׳איז געווען תורה,** [און] **שֵׁמוֹת הַקְדוֹשִׁים, וויאַזוי מעג מען** [עס] **צוברעכן.**

**צא**

**נאָר דער אֱמֶת, אין רוב מקומות אין דברי חכמינו ז״ל זעט אויס, אין די גמרא שטייט דאָך אויך**[מו]**,** [שהיו] **אותיות פורחות, נאָר ס׳איז נישט מבואר אַזוי ווען** [אם קודם השבירה או אחר כן], **אָבער אין כמה מאמרים אין די מדרשים**[מז]**, שטייט אַרויס אַז ׳קודם׳**

---

[מג] ולשון אֲשֶׁר ״עָשָׂה״ מֹשֶׁה, הוא מלשון תיקון, וכמו שפירש״י בפסוק ״ויעש״ שבפרשתן, וכדהובא לעיל בהערה כג.

[מד] **במלא העומר** (סוף פרשת ברכה, סמיכות התורה אות ה): אך נראה לפרש, שבודאי שבירת הלוחות היה בו איסור, לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן (ראה יב, ד) לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לה׳ אלקיכם, שנתץ הלוחות ושיבר, וכמה שמות שנמחקו. אך נראה שמשה עשה כן להצלת ישראל, כמבואר בגמרא (סוכה נ.) בשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעי למשטפי עלמא, אמר מי איכא דירע אי שרי למיכתב שם אחספא כו׳, נשא אחיתופל קל וחומר בעצמו, ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שְׁמִי שנכתב בקדושה ימחה על המים, לעשות שלום לכל העולם כולו על אחת כמה וכמה. ואם כן יש לומר, דהלוחות שיבר לטובת ישראל, כמו שאיתא במדרש רבה (כי תשא מו, א) מוטב שתהא נידונית כפנויה ולא כאשת איש, אם כן יפה עשה בשבירת הלוחות לעשות שלום בינו יתברך לישראל, ואין בו מכשול עָוֹן אשר חטא.

[מה] היינו שנחית לתרץ הקושיא.

[מו] **בירושלמי תענית** (דף כג.): רבי יוחנן בשם רבי יוסה בר אביי א״ל הלוחות היו מבקשין לפרוח והיה משה תופשן, דכתיב (ואתחנן ט, יז) וָאֶתְפֹּשׂ בִּשְׁנֵי הַלֻּחֹת. תני בשם ר׳ נחמיה, **הכתב עצמו פרח.** ר׳ עזרה בשם ר׳ יהודה בי רבי סימון, הלוחות היו משאוי ארבעים סאה, והכתב היה סובלן, **כיון שפרח הכתב** כבדו על ידיו של משה, ונפלו ונשתברו.

[מז] בירושלמי הנזכר. - **ובתנחומא תשא** (סימן כו): בשעה שנתן לו הקב״ה את הלוחות, היו סובלין את עצמן. כיון שירד וקרב אל המחנה וראה את העגל, **פרח אות הכתב מעליהם** ונמצאו כבדים על ידיו של משה, מיד וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו (תשא לב, יט). בא וראה כמה גדול כחו של משה, אמר רבי יהודה הלוחות משקל ארבעים סאה היו ושל סמפרינין היו, והיו נתונים על ידיו כדבר קל, **כיון שפרח הכתב שברן.**

**ובתנחומא עקב** (סימן יא): הלוחות ארכן היה ששה טפחים ורחבן ג׳, והיה משה מחזיק בשנים, והקב״ה

KolSatmar.com

**איז געווען אותיות פורחות** [ואחר כך היה השבירה, ואם כן מיושב קושיית המלא העומר, כי] **ער האָט געזען ס׳איז אותיות פורחות, ער איז געבליבן מיט בלויז אֲבָנִים, דעמאָלטס האָט ער צובראָכן די לוחות**[מח]**.**

---

בשנים, ושני טפחים ריוח באמצע. וגברו ידיו של משה ואחז בלוחות ושברן, שנאמר וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו, לפיכך אמר ליה הקב״ה אתה שברת. **על מה שברן, על שפרח הכתב מעליהם, ולפיכך שברן.** משל למה הדבר דומה, לדואר שהיה מהלך ופרוזדגייא בידו להכנס במדינה, ועבר בתוך הנהר ונפלו הכתבים לתוך המים ונמוחו האותיות, מה עשה אותו הדואר, קרען, שנאמר (עקב ט, טז) ׳וָאֵרֶא׳ וְהִנֵּה חֲטָאתֶם לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם, מה ראה, **ראה האותיות שפרחו, ואף הוא שברן**, שנאמר אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ.

**ובפרקי דרבי אליעזר** (פרק מה): ולקח משם את הלוחות והיה יורד, והיו הלוחות סובלין את עצמן ואת משה עצמו עמן, וכשראו העגל ואת המחולות **ברחו הכתובים מעל הלוחות**, נמצאו כבדים על ידו משה ולא היה משה יכול לסבול את עצמו ולא את הלוחות, **והשליכן מידו ונשתברו.**

**ובתנא דבי אליהו** (רבה פרק כא, וזוטא פרק ד): אמרו חכמים, כשירד משה מהר סיני וראה את הסרחון שסרחו ישראל במעשיהם, הסתכל משה בלוחות **וראה את כתבן שפרח מעליהם, מיד שברן משה תחת ההר** וכו׳. ○ באותה שעה נגזרה גזרה על ישראל שילמדו תורה מתוך הצער ומתוך השעבוד ומתוך הטלטול ומתוך הטירוף ומתוך הדוחק ומתוך שאין להם מזונות. ובשכר אותו הצער עתיד הקב״ה לשלם שכרם לימות בן דוד כפול ומכופל וכו׳.

[מח] וז״ל רבינו בס״ג **ראה תשכ״ו**: וועל מיר צוקומען צו די לוחות, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פסל לך, מ׳האָט אים מחייב געווען ווייל ס׳איז א פקדון, ער איז מְחֻיָּב צו באַצאָלן א פקדון. ○ לעולם ער האָט דאָ צובראָכן די לוחות, **דער פלאָצקער** האָב איך געזען פרעגט, ווי האָט ער געמעגט צוברעכן, וואָרן ס׳איז דאָך מחיקת השם, ס׳איז דאָך געווען פיל מיט שֵׁמוֹת, וויאַזוי האָט מען געקענט צוברעכן. ○ נאָר דער אֱמֶת שטייט אַרויס אין ירושלמי, און אין די מדרשים דאָ, און **תנא דבי אליהו**, אַז ס׳איז געווען **אותיות פורחות** איידער ער האָט צובראָכן, ער האָט געקוקט ס׳איז נישטאָ קיין אותיות, אַן עק אויס מיט אותיות.

לכאורה איז דאָך אָבער א קשיא, **די גמרא** זאָגט (שבת פז.) ער האָט צובראָכן די לוחות [ווייל] ס׳איז געווען א קל וחומר, מה־דאָך בן נכר וואָס ס׳איז איין מצוה [בקרבן פסח], מ׳טאָר נישט געבן פאַר א מומר, כל התורה כולה כאן און אידן זענען מומרים, ווי קאָן איך געבן. [נאָר לכאורה] דאָס איז רעכט ווען ס׳איז דאָ אותיות, ס׳איז כל התורה כולה [כאן. אָבער], אַז ס׳איז נישט געווען קיין אותיות, איז דאָך אויס מיט דעם, איז דאָך דאָרט נישט געווען קיין תורה, ליידיגע לוחות, וואָס איז דער קל וחומר. ○ נאָר וואָס דען האָב איך געזאָגט, דער זיקוקין (בתנא דבי אליהו רבה שם אות נט, וזוטא שם אות כה) האָב איך געזען ער טייטשט, דער תנא דבי אליהו זאָגט אויך דעם אותיות פורחות, שמועסט ער אויך עפּעס דערפון, ער וויל זאָגן פְּשַׁט אין די גמרא [שבת במה שנשא משה ק״ו הנזכר], צו פאַרענטפערן די גמרא וויל ער, - נאָר דער אֱמֶת ס׳איז מיר קשה [על דבריו שהרי] אין מדרש אַליין [עדיין קשה כדלהלן], - עפּעס זאָגט ער [לבאר] צי ס׳איז א פלוגתא [בין הבבלי להירושלמי], אָדער איז עס נישט קיין פלוגתא, עפּעס ברענגען זיי א ראיה פון די גמרא אין ברכות (ח:), נאָר ס׳איז נישט מבואר דאָרט [להדיא], איך וויל נישט מאריך זיין אין דעם. דער אֱמֶת אין מדרש אַליין דאָ אויפן אָרט אין פרשת כי תשא (שמות רבה מו, א), הייבט אָן דער מדרש, קודם זאָגט ער, ער האָט געזען ס׳איז אותיות פורחות, און דערנאָך זאָגט ער, ער האָט נישט געגעבן [הלוחות לישראל] - תיכף אין איין המשך [זאָגט עס דער מדרש] - ווייל מוטב ידונו כפנויה, אָדער זאָגט ער, אַז זיי זאָלן קאָנען זאָגן [אַז] זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס ס׳שטייט וכו׳. אָבער אף על פי כן, ס׳איז דאָך ממה נפשך תרתי דסתרי, אַז ס׳איז געווען אותיות פורחות איז דאָך נישט מוטב ידונו כפנויה, די קידושין איז דאָך נאָר געווען דורך די לוחות, ווייל ס׳איז געווען די אותיות, [און] אָן די אותיות איז דאָך עס גאָרנישט.

נאָר וואָס דען, איך קלער אפשר, **תוספות** זאָגט אין שבת (פז. ד״ה ואתה), ער פרעגט די קשיא פאַרוואָס האָבן זיי [מרים ואהרן] מהרהר געווען האָבן זיי גערעדט אויף אים אַז ער האָט פורש געווען מן האשה, אַז ס׳איז געווען הקב״ה הסכים עמו וכו׳. ענטפערט תוספות אַז זיי האָבן ׳דאָך׳ מִתְרַעֵם געווען, ווייל בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, ווייל ס׳איז געווען זיין רצון אַזוי, האָט אים דער בורא כל עולמים אַזוי געזאָגט, ער האָט ממלא געווען דעם רצון, האָבן זיי געהאַט תרעומות פאַרוואָס ער האָט אַזאַ רצון געהאַט, אַזוי זאָגט תוספות וכו׳. ○ איבערדעם קאָן זיין, לכאורה משה רבינו מ׳האָט אים געפרעגט א קשיא פאַרוואָס ער האָט צובראָכן די לוחות, וואָס האָט ער דאָ געטון, ס׳איז דאָך נישט געווען קיין אותיות, אָן קיין אותיות וואָס האָט ער [ליתנה להם]. אַזוי ווי ער ברענגט אַ מָשָׁל ברענגט דאָרט דער מדרש (תנחומא עקב שם) אַז איינער איז געגאַנגען ער האָט געטראָגן א כתובה, אינמיטן וועג איז די כתובה אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין, האָט זיך אָפּגעמעקט די אותיות, ער האָט געזען ס׳איז נישטאָ קיין אותיות האָט ער עס צוריסן, פאַרוואָס זאָל ער פירן אַן אָפּגעמעקטע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אותיות, ער אַליין דער מדרש זאָגט דאָך אַזוי. לכאורה האָט ער דאָך געמעגט, ער האָט געזען ס׳איז אותיות פורחות. נאָר [די קשיא איז] וואָס דען איז דער קל וחומר לכאורה. [אך התירוץ הוא] ער האָט געהאַט דעם קל וחומר ווילאַנג די אותיות זענען נאָך געווען, און ווייל ער האָט גע׳דַרְשְׁ׳נט דעם קל וחומר האָט

KolSatmar.com

**צב**

[נאָר] **לכאורה אַז ס׳איז געווען אותיות פורחות, נו וואָס איז אים געקומען אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פאַרן צוברעכן, ס׳איז דאָך נישט געווען גאָרנישט** [מער אויף די לוחות].

**צג**

**נאָר וואָס׳זשע דען, דער בורא כל עולמים האָט דאָך אים געזאָגט וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי** (תשא לב, י)**, איז דאָך געדרינגען אַז ער קען מתפלל זיין**[מט]. [ואם כן כשראה] **אַז ס׳איז געווען אותיות פורחות, האָט ער דאָך געזען חלילה אַז ס׳איז אַ חרטה אויף דער גאַנצער מתן תורה, האָט ער געדאַרפט מִתְפַּלֵל זיין,** [אַזוי ווי] **ער האָט דאָך מִתְפַּלֵל געווען פאַר אידן כסדר, ער האָט זיי** [אַלץ] **מַצִיל געווען.**

[ואם היה מתפלל על זה] **העטן גיוען צוריקגעקומען די אותיות, אַזוי ווי זיי זענען אַוועק. אַזוי ווי די אותיות האָבן געהאַט אַ כֹּחַ, זיי האָבן געהאַט אַ כֹּחַ הַפְּרִיחָה אַוועק, איז דאָך** [דאָ די סברא פון] **מאי דלא הֲוָה הֲוָה, מאי דְהֲוָה לא הֲוָה** (בתמיה).

**זיי זענען דאָך דאָרט** [געהאַט] **געשטאַנען אויף די לוחות, וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹקִים הוּא** (תשא לב, טז)**, דער בורא כל עולמים האָט זיי דאָרט געשריבן, און זיי זענען אַנטלאָפן פונעם פלאַץ.** [ואם כן כמו כן] **אַזוי האָבן זיי געקאָנט צוריקקומען, אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען האָבן זיי געקאָנט קומען.**

**ער האָט געקאָנט מִתְפַּלֵל זיין** [דערויף, ולמה לא התפלל על זה].

**צד**

[נאָר ווייל] **ער האָט אָבער געזען אַז ס׳איז בעסער אַזוי, ער זאָל צוברעכן די לוחות.** [ווייל] **ס׳וועט קומען אַנדערע לוחות, און מ׳וועט פאַרגעסן, ס׳וועט זיין שכחת התורה,** [ועי״ז לא יתרשלו מללמוד תורה תמיד].

**האָט ער דאָס געזען לטובה** [ולכן לא התפלל, ועל זה הסכים הקב״ה עמו ואמר לו יישר כחך ששיברת].

**צה**

**ישוב קושיא ב**

[אָבער ווען] **אידן האָבן דאָס געזען, אַז אותיות פורחות, און משה איז ניטאַמאָל מִתְפַּלֵל, ער צוברעכט,** [מזה נתייראו מאוד] **וואָס וועט זיך דאָ טון, ס׳וועט זיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה, וואָס וועט זיין מיט זיי, וואָס וועט זיין מיטן דור אַז מ׳וועט פאַרגעסן וואָס מ׳לערנט.**

**ווען ער האָט דערנאָך מִתְפַּלֵל געווען** [לכפר על עֲוֹן הָעֵגֶל, ושיאמר הקב״ה סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ, עד שנתרצה הקב״ה] **מיט די צווייטע לוחות, האָט ער אַביסל צוריקגעשטעלט** [שלא יהיה שכחה גמורה. אבל קודם לזה היה המצב השכחה עוד גרוע יותר].

---

ער אַזוי מברר געווען להלכה, און אַז דאָס איז געווען זיין רצון, איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים [הסכים על ידו]. מ׳קען דאָך אָבער נישט צוברעכן ווען ס׳איז דאָ אותיות, וועגן מחיקת השם, איז געווען אותיות פורחות, די אותיות פורחות איז געווען ווייל ער האָט גע׳דַרְשֶׁ׳נט דעם קל וחומר, ס׳איז ביידע אֱמֶת, איבערדעם איז געווען וואָס ער האָט געזאָגט מוטב ידונו כפנויה, דאָס אַלעס איז אֱמֶת, און צובראָכן האָט ער טאַקע נאָר ווען ס׳איז שוין נישט געווען גאָרנישט, נאָר אָבער פאַרוואָס ס׳איז געווען אותיות פורחות, דאָס האָט ער גורם געווען, ווייל ער האָט אַזוי געוואָלט.

[מט] וכמו שפירש רש״י (תשא שם): הַנִּיחָה לִּי. עדיין לא שמענו שהתפלל משה עליהם, והוא אומר הַנִּיחָה לִּי. אלא כאן פָּתַח לו פֶּתַח והודיעו **שהדבר תלוי בו, שאם יתפלל עליהם לא יכלם** (שמות רבה).

KolSatmar.com

[ועל כן נתייראו ואמרו ישראל] **וואָס וועט זיין.**

[וממילא] **איז געוואָרן אַ גרויס פַּחַד אויף אידן.**

**צו**

**וואָרן דער אֱמֶת האָבן זיי דאָך נישט געוואָלט דינען די עבודה זרה, זיי האָבן דאָך געגלייבט אין באַשעפער און אין די תורה הקדושה, אַזוי ווי די מפרשים זאָגן אַלע.** [ווי] **איך האָב שוין מַאֲרִיךְ געווען אין דעם**[1]**.**

**צז**

**איבערדעם** [שטייט] **וּלְכֹל ׳הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל׳, איז געוואָרן אַ גרויס פַּחַד אויף אידן, - אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה, - איז געוואָרן אַ גרויסע מוֹרָא איז געוואָרן.**

**אָבער דער אֱמֶת** [איז ״אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה״]**, האָט ער דאָס געטון ״לְעֵינֵי״ כָּל יִשְׂרָאֵל, ער האָט דאָס געטון לטובה** [בעבור תיקון ״העינים״]**.**

**אָבער אידן האָבן נאָכנישט געוואוסט פון דעם,** [ביז] **הערשט שפּעטער.** [ווייל] **מ׳האָט דאָך געוואָלט זיי זאָלן תְּשׁוּבָה טון,** [וכמו שאמר להם משה] **אַתֶּם חֲטָאתֶם חֲטָאָה גְדֹלָה** (תשא לב, ל)**, ער האָט געוואָלט מ׳זאָל זיין צובראָכן פאַרן באַשעפער, און מ׳זאָל תְּשׁוּבָה טון, מ׳זאָל חרטה האָבן, מ׳זאָל מקבל זיין** [לוחות השניות]**.**

**אַזוי ווי ס׳איז געווען דערנאָך,** [אַז] **איבערדעם** [בכח זה] **האָט ער געברענגט די צווייטע לוחות.**

**צח**

**ישוב קושיא יב**

**דער אֱמֶת איז אָבער אַזוי.**

**דער בורא כל עולמים האָט דאָך געוואוסט פאָראויס פון דעם, מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית** (ישעי׳ מו, י)**,** [אַז] **׳די׳ לוחות וועט מען צוברעכן, און וואָס ס׳וועט זיך דאָ טון** [שזה יגרום להביאם לתשובה, ושיקבלו לוחות השניות]**.**

**נאָר וואָס׳זשע דען, וְדָבָר ׳בְּעִתּוֹ׳ מַה טּוֹב. מ׳קומט אַלץ אויס צו דעם.**

**דער בורא כל עולמים האָט געזען** [אַז] **קודם דאַרף מען געבן ׳די׳ לוחות, דאָס האָט געגעבן אַן הַשְׁפָּעָה** [דִּקְדוּשָּׁה פאַר אידן]**.**

**און דערנאָכדעם ווען אידן האָבן תְּשׁוּבָה געטון, איז געקומען די צייט** [ליתן הלוחות השניות]**.**

**דעמאָלטס איז געווען אַזוי, זענען אידן געווען אין אַ העכערן מצב, האָט געברויכט צו זיין די ערשטע לוחות. און אַז מ׳איז געווען אין אַזאַ מצב, האָט געברויכט זיין די צווייטע לוחות. אַלעס אין דער צייט.**

**אַזוי ווי דעס בית המקדש.**

**צט**

**איבערדעם זאָגט ער** [במדרש על הפסוק] **פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת כָּרִאשֹׁנִים,** [הה״ד לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ]**.**

---

[1] בהקדמת קונטרס על הגאולה ועל התמורה (שיצא לאור שבועות אחדים לפני זה), עיי״ש באורך.

KolSatmar.com

[דבא לתרץ, כי לכאורה יוקשה] **נו אַז דער בורא כל עולמים הייסט געבן אַנדערע לוחות, האָט מען דאָך געקאָנט באַהאַלטן די לוחות, נישט צוברעכן, און ווען מ׳וועט תשובה טון וועט מען געבן** [צוריק די ערשטע לוחות], **פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט צוברעכן,** [ואמר לו על זה] **יישר כחך, און נעמען אַנדערע.**

**איבערדעם זאָגט ער** [הה״ד לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ], **ווייל וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, דעמאָלטס האָט מען געברויכט האָבן די ערשטע לוחות, און דאָ האָט מען געברויכט האָבן די צווייטע, די צייט איז דער גורם געווען, און דער בורא כל עולמים ווייסט אַלעס אין דער צייט.**

ק

**ס׳שטייט, דער אור החיים הקדוש זאָגט**[נא], [על הנאמר בפסוק בהמסעות פון די] **אידן אין דער מִדְבָּר, וְיֵשׁ** [אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן] **יָמִים מִסְפָּר** (בהעלותך ט, כ), **אַמאָל איז מען געווען טעג, און אַמאָל איז מען געשטאַנען אַ יאָר.**

**זאָגט דער אור החיים הקדוש,** [דלעולם] **וואָס האָט מען געטון אין די מִדְבָּר? מ׳האָט געדאַרפט די ניצוצין הקדושים דאָרט מוציא זיין, מ׳האָט געדאַרפט דאָרט דינען דעם אייבירשטען.** [און] **קיינער ווייסט נישט ווילאַנג דאָס דאַרף צו דויערן,** [נאָר] **דער בורא כל עולמים האָט געוואוסט. אַמאָל אין פלעצער וואָס מ׳האָט געברויכט צו זיין לאַנג, און** [אין] **אַ פּלאַץ ברויך מען צו זיין ווייניג.** [און צו] **מְכַוֵּן זיין דעם זְמַן, דאָס האָט נאָר דער בורא כל עולמים** [געוואוסט], **איבערדעם דער עָנָן האָט געוויזן** [מתי הזמן לנסוע], **דער עָנָן האָט ׳באַלערנט׳ וואָס מ׳האָט צו טון, ווילאַנג מ׳ברויך דאָ צו זיין, און ווילאַנג מ׳ברויך ערגעץ אַנדערש צו זיין, אַלדינגס** [לויט ווי] **דער עָנָן האָט געוויזן.**

---

[נא] **באור החיים הק׳ פרשת מסעי** (לג, א): **עוד נראה בהעיר למה בחר הכתוב למנות המסעות ולא החניות** [שנאמר אֵלֶּה ״מַסְעֵי״, ולא אלה ״חניות״]. ומה גם לדבריהם ז״ל שאמרו (תנחומא ג) משל למלך וכו׳ כאן ישננו וכו׳ עד כאן, שזה יותר בזכרון החניות, לא במסעות וכו׳. ○ אכן יתבאר על פי דברי אנשי אמת (עי׳ זוהר ח״ב קנז.) שאמרו שהליכת ישראל במדבר היתה לברר ניצוצי הקדושה שאנס איש הבליעל החונה במדבר השמם, ששם קנה מקומו, נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב (עקב ח, טו), וְדָרְכוּ שם עדת ה׳ להוציא בולעו מפיו, והוא הטעם שהיו ישראל חונים במקום אחד שָׁנָה ובמקום אחר י״ב שָׁעוֹת, שהוא כפי מה שצריך לבירור הניצוצות שישנם במקום ההוא. ○ ובירור זה אין כח בעולם שיכול עשותו זולת ׳קדושה השלימה׳, ובסוד שלימות מחברת ׳הכללות׳ ומחברת ׳הפרטות׳. קדושה השלימה היא **השכינה וישראל והתורה**, ומחברת הפרטות הם ס׳ ריבוא **נשמות קדושות**, מחברת הכללות הוא **משה רבינו**, בסוד מֹשֶׁה עַמּוֹ (ישעי׳ סג, יא), כי הוא אילן שממנו נוצצו נשמות ששים רבוא שהיו שם, ונסתייעו בעזר אלקי בשכונת שוכן הבירה, ושברו מלתעות עָוֶל ובירור עצום וכו׳. ○ והוא מה שרמז במאמר אֵלֶּה מַסְעֵי, אלה פסל כל המסעות שבעולם, שאין מסע כזה שהיו נוסעים עמהם הון קדוש ויקר שאין ערוך אליו, והגם שקדמו האבות וְדָרְכוּ מקומות ועשו חלקם בבירורי ניצוצות, לא הגיעו לגדר זה. ואמר הכתוב עצמו טעם עילוי מסעות אלה, לפי שהם של **בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, ונצרפו בכור הברזל שהיא ארץ מצרים כאמור, ובזה היו נשמותם ראוים לברר ניצוצי הקדושה בכל המקום אשר יבואו שמה, ועוד **לְצִבְאֹתָם**, שהיא שלימות הצבא אשר תשרה עליו השכינה שהוא מספר ששים ריבוא, ופחות ממספר זה אינו בגדר השלימות וכו׳, גם רמז בתיבת לְצִבְאֹתָם השראת שכינה עמהם, הרי לפניך זכרון עם קדוש, וזכרון מספר השלם והשראת השכינה. וכנגד מחברת כללות מספר השלם, אמר בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, מֹשֶׁה הוא מחברת מספר השלם, וְאַהֲרֹן הוא שושבין השכינה המקריב ומיחד אליה כל הענפים, כידוע בסוד הקרבן.

**ובאור החיים הק׳ פרשת בהעלותך** (ט, כא): **וְיֵשׁ אֲשֶׁר וגו׳ מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר וגו׳.** מכאן ואילך בא הכתוב להודיע ההדרגות שהיו בשינוי חֲנִיָּתָם וכו׳, ושלשה כתובים האחרונים יגידו הדרגות שינויי העכבה, שהיו משתנים מגדר ״לילה אחת״, לגדר ״שנה אחת״. והטעם בזה לפי מאמר **אנשי אמת** (זוהר ח״ב קנז.) שטעם העברתם במדבר הוא לברר ניצוצי הקדושה השבויות ביד שוכן מדבר ציה, אשר על כן היודע נסתרות היה מְשַׁעֵר שיעור אשר יספיק לבירור במקום ההוא, אם מעט ואם הרבה, והיו מתעכבים כפי הצורך, גם לא היו חונים אלא במקום שיש לברר, ולא במקום שיספיק בו הבירור במשך זמן הילוכם בו.

KolSatmar.com

קא

אַלדינגס וואָס אַ איד האָט [צו טון], וואָס אַ איד וויל קומען, דער בורא כל עולמים ווייסט דאָך אַלע זיינע זמנים, ווען ס׳איז לְטוֹבָה, און ווען ס׳איז חלילה נישט לְטוֹבָה, דאָס ווייסט נאָר איין באַשעפער, [ועל זה נאמר] מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ (תהלים לז, כג).

קב

[ווי] דער בעל שם טוב הקדוש זאָגט דאָך[נב] [לבאר הפסוק מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ. ווייל] לעולם ברויך ער דאָרט צו זיין אויף דעם פּלאַץ [לצורך התיקונים השייכים לשורשו]. נאָר וואָס דען [וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ], ער מיינט [אַז] ער האָט צו טון [לצרכיו ועסקיו].

קג

איך האָב מוֹסִיף נֹפֶךְ געווען[נג] – אין ויואל משה ברענג איך עס [אויך][נד] – [לבאר עוד לפי זה בסוף הפסוק] וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ.

---

[נב] הובא בדגל מחנה אפרים (מסעי ד״ה עוד) וז״ל: מה שקבלתי מרבותי ע״ה על פסוק מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ [כִּי יִפֹּל לֹא יוּטָל וגו׳], היינו שכל מִצְעֲדֵי גֶבֶר מאתו כּוֹנָנוּ לאיזה סיבה אשר יחפוץ בדבר האדון ברוך הוא להוליכו בדרך ההוא כמו שיבואר, אך האדם וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, כי הוא חפץ בדרך זה לצורך עצמו, ובאמת הכל הוא דרך הקב״ה, וה׳ עשה שיחפוץ לילך בדרך זה לסיבה הצריך להאדון ברוך הוא. והיינו שמפרש כִּי יִפֹּל לֹא יוּטָל, היינו הניצוצין קדושין שנפלו ונטבעו בעמקי הקליפות לֹא יוּטָל לשון התנשאות כמו (ישעי׳ סג, ט) וַיְנַטְּלֵם וַיְנַשְּׂאֵם, היינו לשון בתמיה לֹא יוּטָל, איך אפשר שלא יתנשא ויתרומם לשורשו ומקורו, כי לא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, מי כהחכם האדון ב״ה שולח רצון להצדיק לילך בדרך ההוא, וע״י מחשבותיו הק׳ ועבודתו הק׳ הוא מעלה ומנשא הנצה״ק לשורשם ומקורם.

ובספר אור המאיר (פרשת צו) כתב: שמעתי מהבעש״ט שביאר פירוש הכתוב מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, ואמר על אותן האנשים הנוסעים לארץ מרחקים בסחורות וכדומה, המרחיקים נדוד, לא מחשבותיו יתברך שמו מחשבותם, כי הם חושבים בנפשם שכל עצמם עם דרך נסיעתם לארץ מרחקים הוא בעבור הרבות זהב וכסף חילוף סחורתם, ולזה המה מקצים רגליהם, ובאמת הוא יתברך שמו לא כן ידמה, כי הוא יודע לתקן עניינו יותר ממנו, ולפעמים יש לו לאדם ככר לחם בארץ מרחקים הנוגע אל בחינתו, והוא צריך לאכול אותו ככר דייקא באותו המקום ובשעה הזאת, או שצריך לשתות מלא לוגמיו מים במקום ההוא, ולכוונה זו מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, להרחיק נדוד כמה מאות פרסאות, בכדי להשלים את נפשו עם זה הככר לחם, ושתיית מים מעט או הרבה, ולפעמים אפילו אליו לא יגיע, כי אם לאחד ממשרתיו העברים, אם יש לו שם פת לחם וקיתון מים, ולהיות שאין ידו משגת לנהוג נסיעה למקום רחוק כזה, זאת היא הגורמת רצון לבעליו לנהוג דרך נסיעתו דייקא למקום ההוא, בעבור עבדו, למלאות כרסו מלחם המזומן לו שם, ולשתות מימיו הנוגעים אליו, כי כן גזרה חכמתו יתברך שמו, הצריך להשלמת נפשו, לקבץ חלקיהן, המה אחת מדרכי אל, ולזה רומז הכתוב מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, שנוהג איזה נסיעה למקום רחוק, והכל הוא מאתו יתברך, כאשר גזרה חכמתו, להשלמת נפשו, באחת מסיבותיו יתברך שמו, הידועים לו יתברך שמו, והוא האדם עצמו לא כן ידמה ולבבו לא כן יחשוב, כי אם וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, לנהג נסיעה ובסחורה וכדומה וכו׳. [וע״ע במאור עינים פרשת לך ופרשת ויקהל בפירוש הפסוק בשם הבעש״ט קצת באופן אחר, ובהיכל הברכה בראשית דף כז.].

[נג] בס״ג כי תצא תש״כ, וס״ג מסעי תשכ״ז, ודברי יואל נשא (עמוד קמא).

וז״ל רבינו שם בס״ג מסעי תשכ״ז (לשון קדשו ח״ב, אות קכח): איך האָב געזאָגט אַמאָל, איך האָב נאָך מוסיף נופך געווען [על פירוש הבעל שם טוב בפסוק] מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, האָב איך מוסיף נופך געווען [לבאר גם] וואָס שטייט עפּעס וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ. ○ נאָר לכאורה ס׳איז טאַקע מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, אָבער חלילה ס׳איז דאָך פאַרהאַנדן – דער אייבירשטער זאָל אָפּהיטן – אַז מ׳גייט לדבר עבירה קאָן מען נישט זאָגן מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, ס׳איז אַ בחירה, אָבער אַנדערע זאַכן אַז מ׳גייט אין נישט קיין גוטן וועג, דאָס קען מען נישט זאָגן [שנסתבב לו מה׳], דאָס האָט מען זיך אַליין געלאָזט אויף דער בחירה, איז מען זיך אַליין בוחר. ○ נאָר [הכוונה] אַז מ׳מיינט השי״ת בכל תנועה ותנועה, מיט יעדען טריט, נאָר מ׳ווייסט דאָך נישט וויאַזוי מְכַוֵּן צו זיין, דעמאָלטס ווערט מען געפירט פונעם באַשעפער. מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, זאָגט דער פסוק ווען, ווען ״וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ״, ווער ס׳זוכט דַּרְכֵי ה׳, אַז מ׳זוכט דַּרְכֵי ה׳ דעמאָלטס איז מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, פירט מען אים פונעם הימל יעדן טריט און שריט וואו ער זאָל גיין. אָבער חלילה אַז ס׳איז נישט דַּרְכּוֹ יֶחְפָּץ, איז דאָ אַ בחירה, האָט מען אַ ברירה מ׳קאָן חלילה גיין אין אַ שלעכטן וועג, מ׳האָט עס איבערגעגעבן [ביד האדם], מ׳האָט עס געלאָזט אויפן מענטש, מ׳האָט נישט צוגענומען קיין בחירה [לבחור ברע], אדרבה מ׳וואַרפט נאָך אַרויף נסיונות קשות פאַרשידענס [נגד הבחירה בטוב]. נאָר על כל פנים [אַז ס׳איז] וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, דעמאָלטס איז מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ.

KolSatmar.com

[ווייל] לכאורה ס׳איז טאַקע **מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ**, אָבער ס׳קאָן דאָך זיין חלילה מ׳קאָן דאָך גיין אין אַ שלעכטן וועג אויך, מ׳נעמט נישט צי קיין בחירה, אַז מ׳גייט לויט זיין שֵׂכֶל קאָן מען זיך דאָך אויסגליטשן און גיין דאָרט וואו מ׳ברויך נישט, וואו מ׳טאָר נישט.

נאָר וואָס דען, אַז מ׳מיינט בֶּאֱמֶת, פאַרן באַשעפערס וועגן, ׳דעמאָלטס׳ פירט דער בורא כל עולמים אַלדינגס לטובה, וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב. אָבער אַז מ׳מיינט נישט דעם באַשעפער, מ׳מיינט לַהֲנָאַת עַצְמוֹ, נעמט מען נישט צי קיין בחירה, קאָן מען חלילה גיין נישט וואו מ׳ברויך, מ׳גייט דאָך רַגְלַיִם מְמַהֲרוֹת לָרוּץ לָרָעָה (משלי ו, יח) אויכעט, און מ׳גייט חלילה צום שלעכטן וועג וכדומה, קען מען דען זאָגן מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ אַז מ׳זאָל גיין די שלעכטע וועגן, חס ושלום, נאָר וואָס דען, מ׳נעמט נישט צי קיין בְּחִירָה, מ׳לאָזט אויף די מִקְרִים, [וכמו שכתב הרמב״ם (ספר המורה ג, נא) כי] **הַשְׁגָּחָה סִיבַּת הַדְּבֵקוּת**.

איבערדעם זאָגט ער, **מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ**, ווען, אַז ס׳איז **וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ**, אַז מ׳זוכט דעם **דֶּרֶךְ ה׳**, דעמאָלטס איז **מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ**, [אַז מ׳טרעפט צין] **יעדעס מאָל אין דער צייט**.

### קד

### ישוב קושיא יב (באופן שני)

אויף דעם שבירת הלוחות [הראשונות, און דער] **פְּסָל לְךָ** [לוחות השניות], **האָב איך** אויך אַמאָל געזאָגט [באופן אחר, לבאר מה שהמדרש מביא על זה את הפסוק] **לַכֹּל זְמָן**.

### קה

[ווייל] **שטייען שטייט דאָך**[נה] [אַז] **משם נתעשר** [משה].

[און] **די גמרא**[נו] **לערנט** [פון דעם אַרויס, כי] **אֵין הקדוש ברוך הוא משרה שכינתו אלא**

---

[נד] **בויואל משה** (ב, קיח, ד״ה וכיון): **ונודע מה שפירש הבעל שם טוב זי״ע ועכ״י מה שאמר הכתוב מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶּבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ**, שהאדם סובר שהולך לדרכו שהוא חָפֵץ, בשביל איזה משא ומתן או שאר תועלת, אבל באמת הוא שמה׳ מצעדי גבר כוננו, שצריך לתקן שם, על ידי תורה או תפלה או ברכה שיאמר שם, כמו שכתב האר״י ז״ל. ○ **והוספתי נופך**, שֶׁרָמַז עוד הכתוב במה שאמר וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, כי אם ח״ו האדם הולך לדבר עבירה, או במחשבת עבירה רח״ל, בוודאי שיש לו בחירה לילך נגד רצון הבורא ב״ה, כי הקב״ה אינו נוטל הבחירה משום אדם. וז״ל **החובת הלבבות** בשער הבחינה באמצע פרק ה׳, כל תנועותיך נקשרות בחפץ הבורא יתעלה והנהגתו ורצונו, הקטנה והגדולה שבהם, והגלויות והנסתרות, חוץ ממה שֶׁשָּׂם ברשותך מבחירת הטוב והרע, עד כאן. וכן לדבר מצוה שצריך לילך, נוּתַּן בידו הבחירה, דאם לא כן אין שכר ועונש, ולא שייך לומר בזה מה׳ מצעדי גבר כוננו, כי הבחירה בידו. וכן וכו׳ במה שאפשר לברר על פי הלכה לאיזה מקום ילך, צריך לידע את ההלכה, והבחירה בידו לעשות כדין. אלא שאם רוצה לעשות חפץ הבורא ב״ה, ואין מחשבתו לעבירה ח״ו, אלא שאינו יודע איזה דרך ישכון אור ואנה ילך, על זה אנו מברכין ״המכין מצעדי גבר״. וזה שסיים הכתוב וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ, דרצה לומר כשחפצו רק בדרכיו ית״ש, אזי מֵה׳ מִצְעֲדֵי גֶּבֶר כּוֹנָנוּ, אבל לא כשאינו בוחר בטוב, שבזה יש לו בחירה.

[נה] **בשמות רבה** (מו, ב): **פְּסָל לְךָ, הפסולת שלך, משם העשיר משה**, אמר הקב״ה דין הוא שיטול אותן פסולת משה, למה, אלא ישראל שלא נתעסקו במצות נתתי להן כל טוב ארץ מצרים, שנאמר (בא יב, לו) וַה׳ נָתַן אֶת חֵן הָעָם, והעשירו, **ומשה שעסק בעצמותיו של יוסף יהא עני? אתן לו את הפסולת שיעשיר.**

וכן פירש רש״י (תשא לד, א): פְּסָל לְךָ. הראהו מחצב סנפירינון מתוך אהלו, ואמר לו הפסולת יהיה שלך, **ומשם נתעשר משה הרבה.**

[נו] **בגמרא נדרים** (לח.): אמר רבי יוחנן, אין הקב״ה משרה שכינתו אלא על **גבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה. גבור** וכו׳, דכתיב (עקב ט, יז) וָאֶתְפֹּשׂ בִּשְׁנֵי הַלֻּחֹת וָאַשְׁלִכֵם מֵעַל שְׁתֵּי יָדָי וָאֲשַׁבְּרֵם, ותניא, הלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין שלשה. **עשיר**, פְּסָל לְךָ, **פסולתן שלך יהא. חכם**, רב ושמואל דאמרי תרוייהו, חמשים שערי

KolSatmar.com

על גבור עשיר וחכם, עשיר ממשה, ווייל פון פְּסָל לְךָ משם נתעשר משה, איז געדרינגען אַז [צו] השראת השכינה ברויך מען זיין אַן עוֹשֶׁר.

קו

האָב איך געפרעגט די קשיא, ס'איז דאָך פאַרקערט געדרינגען, וואָרן ביי די לוחות הראשונות איז דאָך געווען מיט מער פרסום, מיט מער השראת השכינה, און דעמאָלטס איז ער דאָך נאָך געווען אַן אָרימאַן. ער איז דאָך הערשט געוואָרן אַן עושר ביי די לוחות האחרונות.

קז

נאָר קאָן זיין דאָס איז דער פְּשַט טאַקע.

[ווייל לעולם] פאַרוואָס איז דאָס אַזוי [שנצרך מדת העשירות לצורך השראת השכינה, זהו] ווייל די וועלט איז מער נִתְגַשֵׁם געוואָרן [לאחר חטא העגל, ולכן] איז עשירות געוואָרן אַ חֲשִׁיבוּת, איז עס געוואָרן פון די מַעֲלוֹת, ס'איז מער דְּבָרָיו נִשְׁמָעִים [דורך דעם], וכדומה, [ולכן] איז עס געוואָרן אֵין השכינה שורה [אלא בעשיר].

קח

[ונמצא] דאָס איז נאָר דעמאָלטס אין 'דער' צייט [לאחר שחטאו בעגל]. אָבער דערפריער איז דאָס נאָכנישט געווען, נאָר פון דעמאָלטס אָן.

[און] די גמרא זאָגט דאָך [עס נאָר] אויף 'היצטערט', נאָך דעם זמן, נאָכן חטא העגל, און נאָך די שבירת הלוחות איז שוין אַזוי.

קט

איבערדעם זאָגט ער [במדרש, "פְּסָל לְךָ" הדא הוא דכתיב] **לַכֹּל זְמַן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ**, יעדע זאַך האָט אַ זְמַן, דער בורא כל עולמים זעט [אַז] אין דעם זְמַן איז 'דאָס' גוט, און אין דעם זְמַן איז גוט 'אַנדערש'. דאָס ווייסט נאָר איין באַשעפער.

קי

ישוב קושיא א – סמיכות סוף התורה לתחלתה

איבערדעם איז **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם** וגו', רעכנט ער אויס די אַלע ששת ימי המעשה, איבערדעם האָט מען געברויכט האָבן די זעקס טאָג.

קיא

[דלכאורה] דער בורא כל עולמים, אין איין רגע האָט געקאָנט באַשאַפן [אַלעס].

טאַקע אין די משנה דאָרט (באבות), ער ענטפערט אַ תירוץ אויף די עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת [שהוא כדי להפרע מן הרשעים וכו']. אָבער [לכאורה אפילו] די עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, ווילאַנג דאַרף דאָס צו דויערן ביים בורא כל עולמים.

מ'קאָן דאָך זאָגן אַמאָל [כמה מאמרות בבת אחת, על דרך] זָכוֹר וְשָׁמוֹר בדיבור אחד [נאמרו] (שבועות כ:), מ'קאָן זאָגן עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת **בדיבור אחד**.

נאָר אפילו ס'איז נישט **בדיבור אחד**, ס'איז נישט געווען דעס נס אַז בדיבור אחד. [נאָר] על כל פנים איינס **נאָך דעם אַנדערע**, [אָבער] ווילאַנג דאַרף דאָס [דויערן]. וואָס

---

בינה נבראו בעולם, וכולם נתנו למשה חסר אחת, שנאמר (תהלים ח, ו) וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹקִים. ענוי, דכתיב (בהעלותך יב, ג) וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד.

KolSatmar.com

האָט מען געדאַרפט האָבן אַן עקסטערן טאָג [כמעט על כל מאמר], און נאָכאַמאָל דעם זיבעטן טאָג.

קיב

נאָר [דאָס אַלעס איז, ווייל] דער בורא כל עולמים האָט געזען דָּבָר 'בְּעִתּוֹ' מַה טּוֹב.

קיג

[און] עקסטערדעם ליגט דאָך [בהששת ימי בראשית] די מאורעות פון אַלע שִׁיתָּא אַלְפֵי שְׁנֵי, און דאָרט ווערט מען געוואָר [בכל דבר האיך שהוא] אַלעס אין דער צייט. 'דעס' האָט געברויכט צו זיין דעמאָלטס, און 'דעס' האָט געברויכט צו זיין דעמאָלטס.

קיד

ממילא איז מקושר סוף התורה בתחילתה.

וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, [ופירש״י] זו שבירת הלוחות, [שאמר לו] יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ.

נו פאַרוואָס איז דאָס געווען [שהוצרך לשבר הראשונות, וליתן לוחות שניות]. ווייל ס'איז אַזוי אין דער צייט.

[ועל זה נאמר בתחלת התורה], והראיה [כי] בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, דעם כח היולי, מ'האָט באַשאַפן אַלעס [ביום ראשון, און] פונדעסטוועגן [ביז 'ווען' דער בורא כל עולמים האָט עס הערשט אַראָפּגעשטעלט לִכְלַל מַעֲשֶׂה, כְּתִקּוּנוֹ, האָט מען געוואַרט זיבן טאָג. ווייל דער זְמַן איז אַזוי געווען, ס'איז תָּלוּי אין זְמַן.

און דער שבירת הלוחות איז אויך תלוי אין זמן, עֵת כְּנוֹס אֲבָנִים וְעֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים, ציוואַרפן, און עת כְּנוֹס אֲבָנִים, צו בויען, אַזוי ווי ער זאָגט דאָ אָט [במדרש]. איבערדעם איז דאָס געווען, דאָס איז דער טעם געווען.

אַזוי ווי מ'זעט ביי בְּרֵאשִׁית בָּרָא, די גאַנצע בְּרִיאָה פון תְּחִלַּת אָן איז געווען אויף דעם אופן, און די גאַנצע זעקס טאָג, דאָס איז די שִׁיתָּא אַלְפֵי שְׁנֵי וואָס דאָרטן איז אַלעס נִתְבָּרֵר [כל דבר בזמנו]. פון דאָרטן איז נִתְבָּרֵר אַלע ענינים, [און] ווען מ'דאַרף צו באַקומען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און ווען נישט, [וכמו שפירש רש״י בריש פרשתן דכל זה תלוי ברצונו של הקב״ה, ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם]. אַלעס איז נתברר דָּבָר בְּעִתּוֹ, יעדע זאַך אין דער צייט.

קטו

הקדמה לישוב קושיא יד-טו

והיוצא לנו מזה, מיט דעם וועל מיר צוקומען צו דעם מדרש, דעם מדרש תנחומא [שהעמיד כאן השאלה] הבונה בית חדש כיצד צריך לברך.

קטז

דאָ איז אַזאַ זאַך, וועל מיר זען על פי הלכה.

על פי הלכה, די משנה זאָגט (ברכות נד.) בנה בית חדש, או קנה כלים חדשים, מברך שֶׁהֶחֱיָינוּ, [און] אַזוי ווערט גע'פַּסְקְ'נט אין שלחן ערוך[נז].

[נז] בשלחן ערוך (או״ח רכג, ג-ד): בנה בית חדש, או קנה כלים חדשים, אפילו היה לו כיוצא באלו תחלה, או קנה וחזר וקנה, מברך על כל פעם, שהחיינו. ולאו דוקא חדשים דהוא הדין לישנים, אם הם חדשים לו, שלא היו אלו

KolSatmar.com

קיז

זאָגט דער מגן אברהם[נח], והעולם אין נזהרין בזה, די וועלט איז נישט נזהר אין דער בְּרָכָה.

[נאָר] **אפשר** - זאָגט ער - איז מען זיך סומך אויפן **תוספות**.

[וואָס] **תוספות** זאָגט אין **פרק ד׳ דסוכה**[נט], זאָגט תוספות אַז **רב שרירא גאון** האָט געפרעגט אַ קשיא, און [ער] מאַכט עס אַוועק, [כי] לַאו דְסַמְכָא [להלכה], מ׳זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס שטייט [במשנה] בנה בית חדש או קנה כלים חדשים מברך שֶׁהֶחֱיָנוּ. ווייל אין די גמרא אין **עירובין** (דף מ:) זעט מען, זעט אויס אַז ס׳איז געוואונדט, אַז ס׳מוז זיין **דבר הבא מזמן לזמן**, ס׳מוז האָבן אַ זְמַן, [שהרי מברכין] שֶׁהֶחֱיָינוּ וְהִגִּיעָנוּ ״לַזְּמַן״ הַזֶּה, דאָס קאָן מען נאָר זאָגן ביי אַ זאַך **דבר התלוי בזמן**. און דעם - בנה בית חדש - איז דאָך נישט **תלוי בזמן**, [שהרי] ווען ער וויל קויפט ער, און ווען ער וויל בויעט ער, ס׳איז דאָך נישט תלוי אין זמן, איבערדעם קען מען נישט מאַכן קיין שֶׁהֶחֱיָינוּ, אַזוי פרעגט רב שרירא גאון, **רב שרירא גאון** זאָגט אַזוי.

זאָגט דער **מגן אברהם**, קאָן זיין מ׳איז סומך אויף דעם **תוספות**.

קיח

נאָר פונדעסטוועגן זאָגט ער [ומכל מקום אין להקל], ס׳איז נישט גלייך [שלא לברך].

ער איז ׳דאָך׳ נוטה, ער הייסט ׳דאָך׳ טון אַזוי ווי ס׳שטייט אין **שלחן ערוך** [לברך שֶׁהֶחֱיָינוּ], דער מגן אברהם.

קיט

נאָר לאָמיר זען, לאָמיר זען דאָס ענין.

**תוספות** פירט אויס **אך צריך עיון מפדיון הבן**, וויאַזוי מאַכט מען אַ בְּרָכָה [שֶׁהֶחֱיָינוּ] אויף **פדיון הבן** [כמבואר בגמרא פסחים (קכא:). והלא] ס׳איז דאָך אויך נישט תלוי אין זְמַן, ׳ווען׳ דעס קינד זאָל געבוירן ווערן און מ׳זאָל אים אויסלייזן, ס׳איז דאָך נישט תלוי אין זְמַן [קָצוּב].

אַזוי זאָגט **תוספות**.

קכ

נאָר לאָמיר נאָר זען, דער מגן **אברהם** זאָגט אַמאָל אַז אין **שלחן ערוך** שטייט אַזוי, אָבער מ׳מוז דאָך פאַרשטיין, **רב שרירא גאון׳ס קשיא** איז דאָך אַ קשיא, [שהרי

---

שלו מעולם, ולא אמרו חדשים אלא לאפוקי אם מכרן וחזר וקנאן. ○ בשעת הקנין יש לו לברך אע״פ שעדיין לא נשתמש בהם, שאין הברכה אלא ע״י שמחת הלב שהוא שמח בקנייתן וכו׳.

[נח] **במגן אברהם** (שם, ה): כלים חדשים. **לא ראיתי נזהרין בזה. ואפשר דסומכין על מה שכתבו התוספות בפרק ד׳ דסוכה בשם רב שרירא גאון, דאין מברכין כיון שאינו בא מזמן לזמן, עיין שם דף מ״ו. ומכל מקום אין להקל.**

[נט] **בתוספות סוכה** (מו.): העושה סוכה לעצמו מברך שהחיינו. צריך לפרש טעם מאי שנא דיש מצות שתקינו לברך שהחיינו, ויש מצות שלא תקינו. **בעשיית סוכה ולולב תקינו, כדאשכחן הכא, ובעשיית ציצית ותפילין לא** תקינו, כדמוכח פרק התכלת (מנחות מב.) דמפרש רבי יוחנן מאי מברך אתפילין של יד ותפילין של ראש, ואילו לעשות תפילין לא מברך, דלא חשיב ליה, וכמו כן יש לדקדק דשהחיינו נמי לא מברך מדלא חשיב לה. וכן **אפדיון הבן מברך שהחיינו**, כדאיתא בסוף פרק ערבי פסחים (פסחים קכא:), **ואילו אמילה לא מברך**, מדלא חשיב בפרק התכלת (מנחות שם) ובסוף רבי אליעזר דמילה (שבת קלז:) בהדי ברכות של מילה. **וכן אקריאת מגילה מברך** שהחיינו, כדאיתא בריש הקורא את המגילה עומד (מגילה כא:), **ואילו אקריאת הלל לא מברך. ונראה דמצוה שיש** עליה שמחה תקנו שהחיינו. ○ **ודאמרינן בהרואה** (ברכות נד.) **דמברך על כלים חדשים, כתב רב שרירא גאון דלא** סמכינן עלה, דמסקינן בפרק בכל מערבין (עירובין מ:) **דבעינן מידי דאתי מזמן לזמן. וקשה מפדיון הבן.**

KolSatmar.com

אין די גמרא זעט מען דאָך ס׳מוז זיין אַ **דבר התלוי בִּזְמַן**, [ואם כן צריכין לתרץ] **נו פאַרוואָס זאָל מען מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָינוּ אויף בנה בית חדש וקנה כלים חדשים, פאַרוואָס זאָל מען מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָינוּ, ס׳איז דאָך נישט תלוי אין זְמַן.**

**קכא**

**נאָר לאָמיר נאָר זען.**

דעס וואָס **תוספות** זאָגט די הערה, צריך עיון פון **פדיון הבן**. **דער ר״ן** פאַרענטפערט דאָס, דער ר״ן זאָגט[ס] ווייל פדיון הבן איז תלוי אין ל׳ יום, מ׳טאָר נישט מאַכן קיין פדיון הבן ביז ס׳גייען נישט דורך דרייסיג טאָג, אַזוי איז די הלכה, צי וועגן וואָס [משום דכך כתוב בתורה, או כמו שכתב הר״ן משום דאז] **יצא מכלל נפל**[סא], על כל פנים אַזוי איז די הלכה [דתלוי בל׳ יום, וממילא] הייסט עס שוין אַ **דבר התלוי בִּזְמַן**, [ווייל] מ׳מוז אויסוואַרטן דעם זְמַן, מ׳מוז אויסוואַרטן דעם זמן [פון] **די ל׳ יום**. [ואם כן] איז עס שוין **אַ תלוי בִּזְמַן**, [וממילא] קען מען שוין מאַכן **אַ שֶׁהֶחֱיָינוּ**.

אַזוי זאָגט דאָ **דער ר״ן**.

**קכב**

היצטערט לאָמיר׳זשע צוריקגיין, לאָמיר נאָר זען, צי **בנה בית חדש וקנה** [כלי חדשים], צי איז דאָס **אַ דבר התלוי בִּזְמַן**.

**קכג**

[דהנה כבר הבאתי (באות קג) מה שכתב הרמב״ם כי] **הַשְׁגָּחָה סִיבַּת הַדִּבֵקוּת**.

[וממילא] **דער וואָס ער גייט נאָך נאָך ׳זיין׳ רָצוֹן**, [ובונה בית חדש] **פון ׳זיינעט׳ וועגן, וועגן ׳ער׳ וויל, דאָס איז נישט תלוי אין זְמַן**, [שהרי] **ער וויל אייביג, ער וויל דעמאָלטס** [בזמן אחר גם כן], **ס׳איז נישט אָפּהענגיג** [בזמן מיוחד דייקא].

**קכד**

**לאָמיר נאָר זען, אָבער לויט די הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה, אַז מ׳וויל פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם, אַז מ׳וויל פאַרן רְצוֹן הַבּוֹרֵא, און מ׳האָט דעם בִּטָּחוֹן אויפן באַשעפער ער זאָל פירן צו גוט, מוז מען וויסן ׳ווען׳ ס׳איז גוט**, [ווען ס׳איז] **דָּבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, אַזוי ווי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זעט אַלעס, אַמאָל איז גוט אַזוי, און אַמאָל נישט.**

**קכה**

**אַזוי ווי ביי די אידן אין די מִדְבָּר, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט** (באות ק). **אַמאָל האָט**

---

[ס] **בר״ן על הרי״ף** (סוכה שם) מביא דברי התוספות, שהביאו דעל כמה מצות מברכין שהחיינו, ועל כמה מצות אין מברכין, ואח״כ כתב וז״ל: אבל לא פירשו [חכמים] מפני מה תקנו במקצתן שהחיינו, ובמקצתן לא תקנו. ולי נראה, דשהחיינו ׳דמצות׳ בזמן תלוי, כדמוכח בסוף פרק בכל מערבין (עירובין מ:) דאמרינן בראש השנה ויום הכיפורים דכיון דמזמן לזמן קאתי אומר עליהן זמן. הלכך סוכה ולולב ומקרא מגילה, מזמן לזמן קאתו. ופדיון הבן אע״ג דלאו מזמן לזמן קאתי, אפילו הכי כיון שהיא מצוה תלויה בזמן שלשים יום של תינוק, שיצא מכלל נפל ונכנס לכלל קיימא וחיות, שפיר שייך לברוכי ביה שהחיינו. אבל תפילין ומילה לא תלו בזמן. והלל של שני ימים טובים נמי אע״ג דתלו בזמן, כיוון שתקנו לומר על כל צרה וצרה שלא תבא על הצבור (פסחים קיז.), אין זמנו קבוע. וצריך עיון לפי זה למה אין מברכין זמן על ספירת העומר, וראיתי מי שכתב שאם לא ספר בלילה לא יספור ביום, כדתנן (מגילה כ:) כל הלילה כשר לספירת העומר, משמע דהא ביום לא, ומשום הכי לא אמרינן בה זמן.

[סא] עיין ברש״י ותוספות בבכורות (מט.) שנחלקו בזה, דרש״י כתב משום דיצא מכלל נפל, והתוספות כתבו דבחנם פירש כן, שאפילו קים לן ביה דכלו לו חדשיו, בבן חודש תלה רחמנא.

KolSatmar.com

ער געזען [לטובה], ברויך מען צו זיצן אַזוי לאַנג דאָרטן, און נישט גיין ווייטער. און אַמאָל האָט מען געזען תיכף, מ'איז געזעסן אַ טאָג און מ'איז 'שוין' געגאַנגען ווייטער. דער בורא כל עולמים האָט געזען וואָס מ'האָט צו טון, און וועלכעס ס'איז גוט, [וועלכעס] ס'איז אַ תַּכְלִית פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם.

קכו

**דאָס קאָן נאָר דער באַשעפער אָפּוועגן, די אַלע מְאֹרָעוֹת.**

[וועון] מ'האָט באַשאַפן די וועלט האָט מען געזען [אַז] **אין דעם טאָג** דאַרף מען דעס, און יענעס איז נאָכנישט מסוגל [ביום זה].

אַזוי ווי **רבי חיים וויטאַל** זאָגט (כדלעיל באות מז-נ), דער בורא כל עולמים האָט געזען [לטובה, אַז] 'היצט' האָט מען באַשאַפן די וועלט, נישט פריער.

קכז

הקדמה לישוב קושיא יז

אפשר איז דאָס טאַקע דער פְּשַׁט [בישוב קושיא יז].

לכאורה די גאַנצע וועלט באַשאַפט מען קודם פון אונטן, פאַרוואָס האָט מען פריער שמים.

קכח

[נאָר ווייל] דער בורא כל עולמים האָט אָבער אַזוי געזען [לטובה], אַז קודם ברויך באַשאַפן ווערן [הַשָּׁמַיִם], פאַרקערט ווי די וועלט, [קודם דאַרף] באַשאַפן ווערן פון אויבן, און דערנאָכדעם פון אונטן. [ווייל] דער בורא כל עולמים האָט אָבער געזען אַז אַזוי [דאַרף זיין], דָּבָר 'בְּעִתּוֹ' [מַה טּוֹב], די צייט גייט אַזוי.

[וכן] דער ביאת הגואל האָט אַ זְמַן, [וואָס] דעמאָלטס מוז עס זיין.

און אַזוי איז דאָ אַסאַך זאַכן.

קכט

המשך ההקדמה לישוב קושיא יד-טו

[וממילא גם בענין הבונה בית חדש], אַז מ'פאַרלאָזט זיך אויפן באַשעפער קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן [אַליין] 'ווען' ס'איז דער זְמַן. [אפילו] ווען מ'מיינט ס'איז גוט, מ'דאַרף צו בויען, [אָבער אַז] דער בורא כל עולמים זעט נישט איין, - דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויפן אייבירשטען, - איז עס נישט.

דאַרף מען נאָר האָפן צום באַשעפער, ער זאָל פירן בְּדֶרֶךְ אֱמֶת, [אַז] 'דעמאָלטס' זאָל מען בויען, ווען דער בורא כל עולמים זעט ס'איז גוט.

און דאָס ווייס מיר אונז נישט [אַליין].

קל

ממילא איז דאָס אויך אַ דבר התלוי בִּזְמַן, אַז מ'מיינט נאָר [לשם שמים], אַז מ'פאַרלאָזט זיך אויפן בורא כל עולמים [שהוא יודע וינהיג] צי ס'איז דער זמן מ'זאָל געבן.

[וממילא] דאַרף מען וויסן ווען יאָ און ווען נישט, ס'איז לויטן מצב, [הן] לויטן מַצָּב פונעם אייגענעם מצב, לְפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ, און [הן] לויט דעם מַצָּב הָעוֹלָם, לויט וואָס מ'ברויך צו טון [לצורך התיקונים העליונים], יעדער וואָס ער האָט צו טון, [וואָס] לַאו כָּל הָעִתִּים שָׁוִין.

KolSatmar.com

**קלא**

[ווי] ער רעכנט אויס **לְכֹל זְמָן, עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים** [און] **עֵת כְּנוֹס אֲבָנִים**, 'דער' **זְמַן** איז גוט צו 'דעם', און 'דער' זמן [טוב לענין אחר, הכל לפי מה] **וויאַזוי דער בורא כל עולמים** [זעט לטובה, און לויט] **וויאַזוי ס'איז אַ נַחַת רוּחַ פאַרן באַשעפער** [בהמשכת התיקונים העליונים], **וויאַזוי דער בורא כל עולמים וויל.**

**קלב**

[וממילא] **איז דאָס אַ דבר התלוי בִּזְמַן.**

**און אויף אַ דבר התלוי בִּזְמַן מעג מען שוין מאַכן שֶׁהֶחֱיָנוּ.**

**איז דאָס פונקט אַזוי ווי פדיון הבן.**

**איז פאַרענטפערט רב שרירא גאון'ס קשיא, איז דאָס תלוי אין דעם, איז די הלכה תלוי אין דעם** [באיזה כוונה הוא בונה את הבית חדש, וקונה הכלים חדשים].

**קלג**

**איבערדעם איז רעכט.**

**אין שלחן ערוך** שטייט אַזוי [דיש לו לברך שֶׁהֶחֱיָנוּ, דאזיל לשיטתו, ווייל] **דער שלחן ערוך** האָט דאָך אַ שיטה אין **סימן רל"א**[סב] [פון] **בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ** (משלי ג, ו), **אַלדינגס ברויך מען טון פאַרן בורא כל עולמים.**

**אַזוי ברויך צו זיין אַ איד.**

**און לויט דער שִׁיטָה** [של העיקר הדין בשלחן ערוך], **ברויך מען מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ אויף בנה בית חדש.**

**קלד**

**און פונדעסטוועגן די וועלט וואָס מ'איז נישט נזהר** [בעוה"ר לקיים כראוי מה שמבואר בסימן רל"א], **דאָס איז ווידער לשיטתם.**

**ווייל די וועלט איז דאָך בעונינו הרבים נתמעטו הדורות, מ'איז נישט אַזוי דבוק אין באַשעפער, און מ'גייט נאָך נאָך** [דעם] **'אייגענעם' רָצוֹן.** [און לויטן] **אייגענעם רצון דעמאָלטס וויל מען 'אַלעמאָל'**[סג], **דאָס איז נישט תלוי אין זְמַן, דאָס וויל מען אַלעמאָל, ער קען נישט זאָגן דעם זְמַן** [אָדער] **יענעם זְמַן,** [רק] **ווען ער וויל.**

[סב] **בשלחן ערוך** (או"ח סימן רלא): **אם אי אפשר לו ללמוד בלא שינת הצהרים, יישן וכו'. ובלבד שלא יאריך בה,** שאסור לישן ביום יותר משינת הסוס שהוא שתין נשמי. ואף בזה המעט לא תהא כוונתו להנאת גופו, אלא להחזיק גופו לעבודת השי"ת. ○ **וכן בכל מה שיהנה בעולם הזה, לא יכוין להנאתו, אלא לעבודת הבורא יתברך, כדכתיב** (משלי ג, ו) **בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ**, ואמרו חכמים (אבות ב, יב) כל מעשיך יהיו לשם שמים, שאפילו דברים של רשות, כגון האכילה והשתיה וההליכה והישיבה והקימה וכו' והשיחה, וכל צרכי גופך, **יהיו כולם לעבודת בוראך, או לדבר הגורם עבודתו.** שאפילו היה צמא ורעב, אם אכל ושתה להנאתו אינו משובח, אלא יתכוין שיאכל כפי חיותו, לעבוד את בוראו. ○ וכן אפילו לישב בסוד ישרים, ולעמוד במקום צדיקים, ולילך בעצת תמימים, אם עשה להנאת עצמו והשלים חפצו ותאותו, אינו משובח, אלא א"כ עשה לשם שמים. ○ וכן בשכיבה, א"צ לומר שבזמן שיכול לעסוק בתורה ובמצות לא יתגרה בשינה לענג עצמו, אלא אפילו בזמן שהוא יגע וצריך לישן כדי לנוח מיגיעתו, אם עשה להנאת גופו אינו משובח, אלא יתכוין לתת שינה לעיניו ולגופו מנוחה לצורך הבריאות, שלא תטרף דעתו בתורה מחמת מניעת השינה וכו'. ○ וכן בשיחה, אפילו לספר בדברי חכמה צריך שתהיה כונתו לעבודת הבורא או לדבר המביא לעבודתו. ○ **כללו של דבר, חייב אדם לשום עיניו ולבו על דרכיו, ולשקול כל מעשיו במאזני שכלו, וכשרואה דבר שיבא לידי עבודת הבורא יתברך יעשהו, ואם לאו לא יעשהו. ומי שנוהג כן, עובד את בוראו תמיד.**

[סג] פירוש: סיי ווען.

KolSatmar.com

[וממילא] **אויפן רָצוֹן** [של עצמו] קען מען נישט מאַכן קיין **שֶׁהֶחֱיָנוּ**, [ווייל] אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ קען מען מאַכן [נאָר] אויפן זְמַן, אַז מ׳איז געקומען צו דעם זְמַן וואָס ס׳איז גוט, נאָר אויפן זְמַן.

און דער זְמַן, דאָס ווייסט נאָר דער באַשעפער, דאָס איז נאָר אַז מ׳פאַרלאָזט זיך אויפן אייבירשטען, אַז ס׳איז לעשות נַחַת [רוּחַ ליוצרו], ווען ס׳איז אַ נַחַת רוּחַ פאַרן בורא כל עולמים.

אָבער אַז מ׳גייט נאָך נאָך זיינעם, ׳זיין׳ רָצוֹן, אויף דעם קאָן מען קיין שֶׁהֶחֱיָנוּ נישט מאַכן. קומט אויס איז דאָך עס ווייטער אַזוי ווי די אַלע זאַכן וואָס ס׳איז נישט תלוי בִּזְמַן.

**קלה**

איבערדעם איז דאָס טאַקע רעכט.

קאָן זיין [דעס] וואָס די וועלט איז נישט נזהר, דאָס איז אויך באַגרינדעט [על יסודות ההלכה, דשהחיינו הוא רק בתלוי בזמן].

נאָר פונדעסטוועגן **דער מגן אברהם** [שמסיק לברך שֶׁהֶחֱיָנוּ] איז גערעכט **לשיטתו**, און **דער בעל השלחן ערוך**, וואָרן ׳אַזוי׳ **ברויך צו זיין אַ איד**.

און לויט דעם וויאַזוי אַ איד ברויך זיך צו פירן, און [מיט] **וואָס פאַר אַ מַחֲשָׁבוֹת אַ איד ברויך צו גיין**, דאַרף מען יאָ מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ.

**קלו**

**ישוב קושיא יד**

מיט דעם היצט פאַרשטייט מען די הלכה [המובא במדרש תנחומא].

[ששאל תחילה] **הבונה בית חדש ׳כיצד׳ צריך לברך**, ״וויאַזוי״ מאַכט מען אויף דעם אַ בְּרָכָה [שֶׁהֶחֱיָנוּ], וואָרן ס׳איז דאָך נישט קיין [דבר שהוא] **תלוי בזמן**.

**קלז**

**ישוב קושיא טו**

זאָגט ער אָבער ניין, אַ איד דאַרף מאַכן כְּדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ, אַז ס׳איז נאָר ס׳זאָל זיין אַ נַחַת רוּחַ פאַרן באַשעפער, [און] דאָס ווייסט מען דאָך נישט ׳ווען׳, ווען וויל דער באַשעפער אַז דו זאָלסט בויען, מוזטו דיך פאַרלאָזן אויפן אייבירשטען, און ׳ער׳ פירט דיך טאַקע, און ווען ס׳איז נישט דער זְמַן פירט זיך נישט צי, קען מען נישט בויען.

וואָרן אַז מ׳פירט אים נאָר [מן השמים], אַז מ׳לאָזט נישט אויף די מקרה און אויף דער בחירה, - אַזוי ווי פאַר סְתָּם אנשים, וואָס ס׳איז [נישט אַזוי שטאַרק דער] השגחה סיבת הדביקות, ווייל ער איז נישט אַזוי מושגח בכל פרטיו, - אַז ס׳איז לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ, איז עס אַ דבר התלוי בִּזְמַן, דאַרף מען טאַקע על פי הלכה אַ שֶׁהֶחֱיָנוּ מאַכן.

**קלח**

איבערדעם זאָגט ער [שם במדרש, שמתברך האדם עי״ז לעשות כן לשנה הבאה. ווייל] איבערדעם ווערט מען נִתְבָּרֵךְ טאַקע, אַז מ׳מיינט טאַקע [לשם שמים] מ׳איז מברך דעם באַשעפער [כראוי], איז מען נִתְבָּרֵךְ.

KolSatmar.com

קלט
ישוב קושיא טז

מיט דעם פירט ער דערנאָך ווייטער, די זעלבע איז געווען וַיְבָרֶךְ וַיְקַדֵּשׁ. פאַרוואָס נאָר בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, ווייל אַז מ׳האָט געוואָלט. [אמנם הלא] מ׳האָט דאָך געקאָנט רוען אין איין טאָג, זאָגט ער אָבער ניין, ווייל ס׳איז געווען דער זְמַן געווען (וכמבואר לעיל באות נג-נה), איבערדעם איז געווען וַיְבָרֶךְ וַיְקַדֵּשׁ.

איז דאָס תלוי מיט דער הלכה, אַזוי ווי דאָרט קען מען מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָינוּ, [ווייל] ס׳איז תלוי בִּזְמַן, איבערדעם איז געווען וַיְבָרֶךְ וַיְקַדֵּשׁ, דער בורא כל עולמים האָט געבענטשט דעם יוֹם הַשְּׁבִיעִי אויכעט ווייל ס׳איז דער זְמַן, דער בורא כל עולמים האָט געזען אַז ׳דער׳ טאָג איז מְסוּגָל צו דעם.

קמ
ישוב קושיא יז

און ווידעראום וואָס ער פירט אויס ווייטער, מ׳האָט באַשאַפן קודם שָׁמַיִם און דערנאָך אֶרֶץ, איז אויך פאַר דעם זעלבן טעם.

איבערדעם איז דער גאַנצער מדרש מקושר אויף איין קֹטֶב.

איבערדעם האָט מען געבויעט קודם שָׁמַיִם און דערנאָך הָאָרֶץ, פאַרקערט ווי די וועלט טוט, ווייל דער בורא כל עולמים האָט געזען אַז אַזוי איז דער זְמַן, אַזוי ברויך צו זיין, היצט איז מסוגל אויף בריאת שמים, און אַצינד איז מסוגל אויף בריאת הארץ, דער בורא כל עולמים האָט געזען אַלעס [כל דבר ׳בְּעִתּוֹ׳].

איבערדעם איז דער גאַנצער מדרש מקושר מיט דער הלכה.

קמא
ישוב קושיא יג

איבערדעם שטעלט ער עס אַראָפּ אויף בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים, וואָרן די גאַנצע בריאה איז דאָך אַזוי געווען. וואָרן דעם ווייזט דאָך אויף דעם, דאָס ווייזט אויף דעם אַלעמען אַז ס׳איז מקושר מיט דעם.

און דאָס איז דאָך דאָס סמיכות [עם סוף התורה שנאמר בו] וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וגו׳, זו שבירת הלוחות, יְיַשֵּׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִּׁבַּרְתָּ, ווייל דעמאָלטס איז געווען עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים.

און מתחילת הבריאה איז געווען וואָס דער בורא כל עולמים האָט געזען דעם זְמַן, ביי דעם בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים.

קמב

מיט דעם איז דאָס מקושר דער סוף התורה בתחילתו.

און פון דאַנעט איז געדרינגען דער גאַנצער מדרש, די גאַנצע הלכה [פון] הבונה בית חדש, צי צריך לברך, צי מ׳ברויך אַ בְּרָכָה צו מאַכן אַ שֶׁהֶחֱיָינוּ.

איז דאָס אַלעס תלוי אין דעם [במה שכל דבר צריך להיות בעתו ובזמנו].

[ווייל] דער עיקר איז אַז מ׳זאָל זיין מוּשְׁגָּח פון בורא כל עולמים [בכל פרטיו, על דרך השגחה סיבת הדביקות. והוא על ידי וואָס] מ׳זאָל זוכן דעם אֱמֶת, מ׳זאָל וועלן דינען דעם באַשעפער, מ׳זאָל וועלן טון אַ נַחַת רוּחַ פאַרן באַשעפער, בְּכָל דְּרָכָיו.

KolSatmar.com

קמג

## סיום התורה – וברכת הקודש

**מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל דָּבוּק זיין אין די תּוֹרָה.**

**דאָס הייסט עפּעס טאַקע שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הייסט דאָס, וואָרן דאָס איז דער ערשטער שַׁבָּת נאָך די הייליגע טעג, אַז ס׳זאָל בלייבן** [אויף אַ גאַנץ יאָר][סד].

**אדרבה מ׳זאָל האָבן דאָס הִתְבּוֹנְנוּת,** [ווען] **מ׳איז שוין דורכגעגאַנגען די הייליגע טעג .. ווייסט השם יתברך וויאַזוי מ׳זעט אויס, צי מ׳האָט זיך עפּעס מְתַקֵּן געווען,** [צי] **מ׳האָט זיך עפּעס מְקַשֵּׁט געווען פאַרן באַשעפער, און מ׳האָט עפּעס אויפגעטון.**

**און מ׳האָף מיר אַז דער בורא כל עולמים וועט אונז העלפן אין דעס יאָר.**

**מ׳וועל מיר געהאָלפן ווערן.**

**מ׳וועל מיר זוכה זיין און מ׳וועט זען אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.**

**און ביז דערווייל, דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע, אַז מ׳זאָל מיר אַריינגיין** [אין נייעם יאָר]**, ס׳זאָל טאַקע זיין אַ שְׁנַת קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה**[סה] **..**

[בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן].

---

[סד] ועיין עוד בדברי יחזקאל בפרשתן וז״ל: טעם למה נקרא פרשת בראשית **שבת בראשית**, ולמה לא נקרא כן פרת נח או פרשת לך שבת נח או שבת לך. אמר מורי חמי הגאה״ק אריה דבי עילאי אבד״ק ווישניצא זלה״ה דהעניך כך הוא, דבימים הנוראים הקדושים כל אדם היה לו אז הרהור תשובה וקיבל אז על עצמו איזה הנהגה טובה, כל איש לפי ערכו ומדרגתו, לכן נקרא **שבת בראשית**, שמזכירין להאדם שֶׁמַּה שעבר עבר, ומעתה מתחיל סדר חדש, וישתדל את עצמו שיהיה מעתה טוב.

[סה] סיום הברכות חסר על הריקאָרדינג.

KolSatmar.com